STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06128

TSVANTSIK YOR SHPETER

Michal Borwicz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מיניאַטור-
ביבליאָטעק

מיניאַטור־ביבליאָטעק 9

מיכאל באָרוויטש

צוואַנציק יאָר שפּעטער...

תשכ"ה פּאַריז 1964

אַלוו. יידישער קולטור־קאָנגרעס אין פראַנקרייך

דערשינען מיט דער הילף
פון דער קליימס־קאָנפערענץ

Michal BORWICZ
«VINGT ANS APRES»

מיכאל באָרוויטש — "צוואַנציק
יאָר שפּעטער" — "מיניאַטור־
ביבליאָטעק" ביים קולטור־
קאָנגרעס אין פראַנקרייך.

« COULTOUR CONGRESS »
36, rue Amelot - Paris XIe

E.P., 232, r. de Charenton, Paris-12

א ווארט וועגן מחבר

מיכאל באַרוויטש האָט אָנגעהויבן ווי אַ פּוילישער דיכטער. דאָס טראַגישע קאַפּיטל, געטאָ און לאַגער, האָט אים דערנענטערט צו דער יידישער ליטעראַטור אין וועלכער ער איז געוואָרן היימיש.

כאָטש די שיינע ליטעראַטור איז אים געבליבן נאָענט, ער "זינדיקט" נאָך פון צייט צו צייט מיט לידער, איז ער דעם יידישן לייענער נאָר באַקאַנט ווי אַ היסטאָריקער פון לעצטן חורבן.

די טראַגישע דערקענטעניש פון געטאָ און "יאַנעווער לאַגער" לאָזט אים נישט צורו. כסדר קומט באַרוויטש צוריק צו יענע איבערלעבונגען. דאָס האָט אַנטוויקלט ביי אים אַ באַזונדערע עמפּפינדלעכקייט. אַ דערפאַרונג, טיפער צו דערזען, בעסער דערהערן דעם פרעמדן ווייאויך. אַנטפּלעקט ער דאָס פאַר אונז — אַמאָל, ווי אַ פאָרשער־היסטאָריקער, מיט קאַלטער פּינקטלעכקייט פון אַ כירורג. אַן אַנדערש מאָל, ווי אַ שיין־שרייבער מיט דערציילערישן טאַלאַנט.

מ. באַרוויטש איז דער מחבר פון קרוב צוויי צענדליק ביכער אין דריי שפּראַכן — פּויליש, יידיש און פראַנצויזיש.

אין "צוואַנציק יאָר שפּעטער" געפינען מיר זיך פאַר אַ קאָשמאַר. אַ וואָר, וועלכע איז נאָרמאַלערהייט נישט צו באַנעמען — איז דאָך וואָר. אַזוי האָט פּאַסירט. ווערט אין דער פּשוטסטער פאָרם דער־ציילט וועגן אַן איבערלעבונג, געבונדן מיט נס. נס פון אַראָפּפאַלן פון דער תליה. ממש. דאָס "קאַלטע" דערציילן שווידערט אויף.

צוויי קאַפּיטלען האָט די דערציילונג. אין דער צווייטער — צוואַנציק יאָר שפּעטער נאָך יענער קאָשמאַרפולער איבערלעבונג — באַ־געגנט דער קרבן זיין תליון. אָבער יענער, אונטער קראַטעס שוין.

אין "צוואַנציק יאָר שפּעטער" האָט דער מחבר דערגרייכט צו אַ פאַרבינדונג. דער היסטאָריקער און דערציילער דערגענצן זיך קעגנזייטיק. און געשילדערט ווערט אַ טראַגישער עפּיזאָד פון מחברס לעבן.

מ. וו.

אויף דער תליה

דער בייז־בשורהדיקער געשריי פון ס.ס.־מאַן צעטראָגט זיך איבער דעם אויסגעליידיקטן באַראַק:

— איסט נאָך יעמאַנד היר?

צוגעדרוקט צום שטרויזאַק, האַרט אונטער דעם דאַך, אויפן פינפטן "שטאָק" פון די פּריטשעס, האַלט איך איין מיין אָטעם. די איינציקע מעג־לעכקייט צו קענען אַרויס בשלימות פון דעם נסיון איז — אויסצו־וואַרטן. אויב דער ס.ס.־מאַן וועט אפילו דורכשפּרייזן אין אַלע ריכ־טונגען דעם גרויסן באַראַק און אַריינקריכן אין די ענגע דורכגענג, וואָס צעטיילן די פּריטשעס־רייען, בלייבט דאָך אַ מעגלעכקייט, ער זאָל זיך להלוטין נישט אָנשטויסן אויף מיין אָנוועזנקייט.

די צענומענע טיילן פון רעוואָלווער, וואָס געפינען זיך אין מיין האַנט, פּאַראַליזירן מיין ניכטערקייט. ווי ווייט ס'איז מיר מעגלעך, שטעל איך צונויף דעם רעוואָלווער און — פאַר אַלעם — פּראָביר איך אים צו פאַרשטעקן.

דאָרט, אונטער מיר, האָט זיך דער רעש דערנענטערט צו מיין רי־

פריטשעס. אונטערן דרוק פון אָבסעסיע, פאַראָרדנט דורך זיין נאָענט־קייט, וויל איך פאַר יעדן פּריז באַפרייען זיך פון רעוואָלווער, אים אַריינטון אין דער פאַרטיפונג, אויסגעקראַצט אין דאַך. די אויפרעגונג און די אונמעגלעכקייט צו בייטן די פּאָזיציע שטערן די באַוועגונג פון מיין האַנט. דער רעוואָלווער גליטשט זיך אַרויס פון זיין לאָך און פאַלט אַראָפּ אויף דער פריטשע. הגם די דיסטאַנס צווישן דעם פולאָפּ און דעם שטרויזאַק אַנטהאַלט נישט מער ווי איין מעטער, האָט שוין דאָס פאַלן פונעם חפץ (און אפשר גאָר אַ נישט־באַוואוסטזיניקע באַוועגונג פון מיין גוף) צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון ס. ס.־מאַן.

— וואָס איסט דאָרט לאָס?

וויניקער דורך הערן זיינע טריט און מער דורך אַ פּאַרגעפיל, שטויס איך זיך אָן, אַז דער ס. ס.־מאַן נעמט קלעטערן אַרויף, איבערן לייטער, וואָס פירט אין מיין שטייג. באַוואויגן דורכן לעצטן רעפלעקס, שטעק איך אַריין, וואָס גיכער, דעם רעוואָלווער אין שטרויזאַק. כמעט אין דער זעלבער רגע זע איך אויפשווימען דעם פּרצוף פון ס. ס.־מאַן. זיין צערייצטקייט קעגן דעם געמיינעם העפטלינג, וואָס האָט אים גע־צוואונגען זיך מטריח צו זיין ביז צום סאַמע פּינפטן שטאָק פון די פרי־טשעס, ווערט באַלויכטן דורך דער שמחה, וואָס ער האָט מיך "געפּאַקט".

איך בין אַריינגעפאַלן.

בעת דער קורצער צייט, וואָס האָט געטיילט דעם וועק־סיגנאַל פון דעם פרימאָרגנדיקן אַפּעל, פלעגט דער באַראַק פאַרבלייבן מער־וויניקער אָן אויסגעליידיקטער. ס'איז אמת, אַז די לאַגעריסטן פלעגן דאַמאָלט לויפן אַריין און אַרויס. זיי פלעגן עס אָבער טון אין דער גרעסטער איילעניש און האָבן זיכער נישט געהאַט קיין שום חשק נאָכצוקוקן די עטלעכע, נאָך פאַרבליבענע שלעפערס.

דאָס איז טאַקע געווען די סיבה, וואָס דווקא אין יענע מאָמענטן האָב איך, אין אַ שטייג אונטערן דאַך, געלערנט וויאַזוי זיך צו באַנוצן

מיט אַ רעוואָלווער. די דאָזיקע ״לעקציעס״ האָבן שוין אפילו געהאַט הינטער זיך אַ קליינע געשיכטע:

נאָך דעם ווי די ס.ס.־לייט האָבן פּלוצים אַנטדעקט געווער אין דער בריגאַדע פון שוהאנגען און נאָך די בלוטיקע רעפּרעסיעס מכוח יענער ״פאַרשיטונג״, האָבן מיינע ״לעקציעס״ גובר געווען אַ פיינלעכע, ליידנשאַפטלעכע און פאַרלענגערטע קריגערייַ צווישן מיינע נאָענטסטע פריינד. ענדלעך האָט זיך פונדעסטוועגן אַרויסגעוויזן, אַז מיט מיינע ״לימודים״ אויף דער פריטשע האָט יענער דורכפאַל נישט געהאַט קיין שום שייכות. און היות דער גאַנג פון געשעענישן אין לאַגער האָט גע־לאָזט וואָס ווייניקער אילוזיעס בנוגע אונדזער אַלעמענס גורל, האָבן מיינע פריינד אַליין מיר פראָפּאָנירט ממשיך צו זיין די ״לעקציעס״.

געהאַנדלט האָט זיך דערביי אין די סאַמע פשוטסטע קענטעענישן: לאָדן דעם מאַגאַזין, אַריינפירן די ערשטע קויל אין דער רער, ווידער־אַנלאָדן, איבעררייס־פאַרזיכערונג, אויסגלייך אין פאַל פון פאַרהאַקן זיך, צענעמען און צונויפשטעלן דעם רעוואָלווער. כדי אויף דער פריטשע צו קענען באַווייזן די אַלע מאַניפולאַציעס, איז געווען גענוג צו פאַרשטעלן דעם חפץ מיט די אייגענע גופים.

יעדעס מאָל האָב איך געהאַט נישט מער ווי צוויי תלמידים. אינ־פּאָרמירט באַצייטנס וועגן זייער ריי, האָבן זיי זיך אויפגעכאַפּט פון זייערע געלעגערס אַ האַלבע שעה פאַר דעם וועק־סיגנאַל, געלאָפן תיכף אין די לאַטרינעס און אין דעם ״וואַשראַום״, און זיך פון דאָרטן צוריק־געקערט אין באַראַק דווקא אין מאָמענט, ווען אַלע אַנדערע ״באַוואוינער״ פלעגן אים פאַרלאָזן.

די אופנים, וועלכע האָבן באַגלייט דאָס אַלגעמיינע אַרויסגיין, זענען געווען תמיד די זעלבע.

עטלעכע מינוטן פאַרן אָנהויב פון אַפּעל אויף דעם גרויסן פּלאַץ, פלעגן די אָרדנערס פאַרדאָפּלען, אין באַראַק, די צאָל פון זייערע זיד־

לערייען, דורכלויפן נעבן אַלע רייען פּריטשעס און אַרויסטרייבן די פאַרשפּעטיקטע. פאַר מיר זענען זייערע געשרייען געווען אַ סימן צו פאַרענדיקן די "לעקציע". איך פלעג דאַמאָלט שנעל אַריינגליטשן דאָס געצייג אין דער באַהעלטעניש, געמאַכט דורך אונדז אין דעם פולאָפּ ספּעציעל פאַר דעם צוועק און, צוזאַמען מיט מיינע "תלמידים", זיך וואַרפן אין דער ריכטונג פונעם פּלאַץ. די ס.ס.־לייט האָבן געמאַכט זייער אינספּעקציע ערשט נאָך דעם ווי דער אַפּעל האָט זיך אָנגעהויבן. אַזוי אַרום האָבן זיי כסדר געפונען דעם באַראַק אַן אויסגעליידיקטן.

היינט איז אָבער פאָרגעקומען אַ נישט־פאַראויסגעזעענע צעמישונג. אפשר זענען דאָס מאָל די אָרדנערס געווען ווייניקער שרייעריש ווי געוויינלעך, ווייניקער האַסטיק און ווייניקער עקשנותדיק. ס'קען אויך זיין, אַז — נישט וואַרטנדיק אויף דעם אָנהויב פון אַפּעל — האָבן זיך די ס.ס.־לייט אַריינגעריסן אין דעם באַראַק פריער, ווי ס'איז געווען זייער טבע עס צו טון. אַזוי אָדער אַנדערש האָט מען היינט דעם "אַלאַרם" נישט געהערט. ווען די קללות פון די ס.ס.־לייט האָבן זיך צעטראָגן, זענען נאָך די פאַרשפּעטיקטע געלעגן אויף זייערע שטרויזעק, בעת — אויף מיינעם — האָב איך נאָך געפירט אַ "לעקציע".

מיינע צוויי תלמידים האָבן דאַמאָלט גלייך, צוזאַמען מיט די איבער־ריקע שלעפערס, זיך געוואָרפן אין דער ריכטונג פון טויער. לויפנדיק פאַרביי די ס.ס.־לייט, האָבן זיי מסתמא איינקאַסירט עטלעכע שמיץ פון דער בייטש. וואָס שייך מיר, אָנשטאָט אַריינטון דעם רעוואָלווער וואָס שנעלער אין דער דאָך־פאַרטיפונג און געבן אַ שפּרונג, נאָכפאָלגנ־דיק מיינע חברים, האָב איך פאַרלוירן די לעצטע רגע, זוכנדיק זיך קלאָר צו מאַכן די געשאַפענע לאַגע. אַ מינוט שפּעטער, זענען די לעצטע שלעפערס שוין געווען אויף יענער זייט פון דער שוועל. אין באַראַק זענען געבליבן בלויז די אָרדנערס און די ס.ס.־לייט.

אין דער שטילקייט, וואָס האָט באַהערשט דעם באַראַק נאָך דער פריערדיקער בהלה, האָט זיך געלאָזט הערן אַפילו דער קלענסטער גע־

רויש. דאָס צונויפֿלייגן פֿון רעוואָלווער און דאָס פֿאַרשטעקן אים אין דער באַהעלטעניש האָבן דעריבער געפֿאָדערט די שטרענגסטע פֿאַרזיכטיקייט. שפּעטער זענען געקומען: דער נישט־געלונגענער מאַנעווער, די אויסגעשרייען פֿון ס.ס.־מאַן, מיין לעצטער זשעסט מיט דער כוונה אַריינטון דעם רעוואָלווער אין שטרויזאַק און דער קאָפּ פֿון ס.ס.־מאַן, וואָס איז אַרויסגעשוואומען איבערן שפּיץ פֿונעם לייטער.

אויפֿן אָרט קאַסיר איך איין, אין פּנים, אַ שטאַרקן זעץ פֿון זיין פֿויסט. אַראָפּקריכנדיק דורכן לייטער, פֿיל איך פֿאַלן אויף מיר די שמיץ פֿון אַ בייטש.

די סצענע, וועלכע קומט שפּעטער, איז — אין פּרינציפּ — אַ באַנאַלע. די זעץ, וועלכע וואַרפֿן מיך אויף דער ערד, ווערן דורכגעפֿלאָכטן מיט באַפֿעלן זיך אויפֿצוהייבן. אין צווישנצייט האָבן זיך צו אונדז דערנענטערט צוויי אַנדערע ס.ס.־לייט, צוגעצויגענע דורך דער געשעעניש. אין מאָמענט, ווען איך ליג אויף דער ערד, גרייט זיך איינער פֿון זיי מיר צו דערלאַנגען אַ שטויס מיט זיין שטיוול אין פּנים אַריין. דער צווייטער האַלט אים אָבער אין מיט זיין בליק. אָן קיין שום רוגזא. ער זעט אויס צו זיין נישט מער ווי פֿאַרטראַכט.

איך הייב־אָן צו זען אין אים אַ רעטונגס־ברעט. ער לאָזט אויסוואַרטן אַ ווײַלע און דערקלערט דערנאָך:

— דאָס איז איינער פֿון די, וועלכע מיר זוכן. דער פֿויגל איז אַליין אַריינגעפֿאַלן אין אונדזערע הענט.

די תּפֿיסה, וואו איך האָב זיך אָפּגעפֿונען, איז אינסטאַלירט אין אַ הילצערנער שאָפּע, אויפֿן עק פֿון אינערן־לאַגער. זי איז ליידיק. אין קעגנזאַץ צו די בונקערס, ספּעציעל געבויט פֿאַר אַ באַשטימטן סאָרט פֿאַרמשפּטע, נעמט אויף פֿון צייט צו צייט די דאָזיקע פֿינסטערע און פֿאַרהעלטעניש־מעסיק גרויסע נאָרע — גאַנצע גרופּעס און אפֿילו גאַנצע

״לאָדונגען״ פון אַרעסטירטע, היינט אָבער בין איך דאָ דער איינציקער ״באַוואוינער״.

— דו ווירסט אַלזאָ שנאַפּס מיט קאַפּע טרינקען.

״שנאַפּס מיט קאַפּע״ באַדייט — אויפהענגען.

לויטן ס. ס.־מאַן בראַמבאַוער (וועלכער האָט אויסגעפונען און אפשר בלויז פּאָפּולער געמאַכט דעם דאָזיקן ״בילדערישן״ אויסדרוק), מיינט דאָס וואָרט ״קאַפּע״ די תליה און דאָס וואָרט ״שנאַפּס״ מיינט דעם שטריק, אָדער פאַרקערט, נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז בראַמבאַוער גופא, אַ נאָטאַרישער שיכור, פלעגט — אין זיינע דרשות — אָפּט פאַרטוישן די דאָזיקע צוויי אויסדרוקן. דאָס ערגסטע איז אָבער, אַז איך באַוויז נישט צו וויסן וועגן דעם פאַרמעסט פון דער ״פאַרשיטונג״.

כדי צו ווערן אויפגעהאָנגען איז געווען דער ערשטער בעסטער פּרעטעקסט. אין געגעבענעם פאַל וואָלט דאָס געוועזן מיין געפינען זיך אויף דער פּריטשע אין מאָמענט פון אַפּעל: אַ שווערער חטא, פאַר־גרעסערט נאָך דורך מיין נישט־ענטפערן אויף די פראַגן, וואָס דער ס. ס.־מאַן האָט זיי, שרייענדיק, געווענדעט צו מיר בעת זיין ״דינסט״.

אויב דאָס טאַקע איז די אמתע סיבה, קען זיך נאָך דער ס. ס.־מאַן מיישב זיין . ווען זיין כעס וועט זיך איינשטילן, קען ער ווערן מילדער און ענדערן זיין מערדערישן קאַפּריז.

כ׳האָף דערביי, אַז עמעץ צווישן מיינע חברים האָט שוין געפונען אַ מיטל, כדי צו אינפאָרמירן וועגן מיין אַרעסט די פריינד, באַשעפ־טיקטע אין ״טעכנישן ביוראָ״. די לעצטע, פון זייער זייט, פּראָבירן שוין זיכער צו ״פאַרגלעטן״ און צו ״פאַרהיימישן״ דעם ס. ס.־מאַן, דורך עפּעס אַ מתנה אָדער אויף אַן אַנדער אופן.

לײדער, שײנט די דאָזיקע השערה צו זיין אַ פאַלשע, מחמת דער שטעלונג פון דעם אַנדערן ס. ס.־מאַן: יענעם, וועלכער האָט פּרעטענ־דירט צו דערקענען אין מיר דעם ״געזוכטן פויגל״. דאַרף מען אַלזאָ

פאַרשטיין, אַז די "לעקציעס" אויף דער פּריטשע זענען געוואָרן געמסרט און די ס. ס.־לייט זענען באַוואוסטזיניק אַריינגעשפּרונגען אין באַראַק פריער ווי געווײנלעך, מיטן ציל מיך צו כאַפּן ביי דער האַנט, בשעת מעשה? אויב די לעצטע השערה איז אַ ריכטיקע, האָבן זיי שוין זיכער "געפּאַקט" און אַרעסטירט אויף די אַנדערע אָנטיילנעמער, דורכגעזוכט דעם שטרויזאַק און געפונען דעם רעוואָלווער. אַלס פּועל יוצא — געפינען זיך שוין מסתמא אַ צאָל פון מיינע חברים אין די אַנדערע תפיסות. די אויספאָרשונגען, באַגלייט מיט כלערליי יסורים, קומען שוין פאָר אין זייער פולער "פּראַכט". דער ענין וועט זיך פאַרענדיקן מיט מאַסן־דערשיסונגען און מיט מאַסן־תליות.

איך רעכן־אויס, אין געדאַנק, די חברים, וועלכע זענען אַריינגעמישט אין דער אַפּערע. כ'פּראָביר זיך משער זיין, ווער צווישן זיי איז געוואָרן אַרעסטירט און וואָס האָט ער געקענט אויסזאָגן. די אַלע סברות בלייבן פונ־דעסטוועגן נישט קיין זיכערע און פול מיט סתירות. אָננעמען בלינדער־הייט איינע פון זיי, כדי זיך דערויף באַזירן, דאָס קען — אין סך־הכל — פאַרגרעסערן די צאָל קרבנות אָנשטאָט זיי צו פאַרקלענערן.

דערביי גיב איך זיך אָפּ פולשטענדיק אַ דין וחשבון, אַז עס פעלט מיר די ניכטערקייט. פאַרטומלט סיי פונעם פיזישן ווייטיק און סיי צוליב מיין צערודערונג, שווים איך אין אַ שטראָם פון אָבסעסיעס און פון נישט־באַגרינדעטע אויסרעכענונגען. בפרט די ציין, צעבראָכענע בעת דעם "אַריינפיר־סכסוך" מיט די ס.ס.־לייט, פאַראורזאַכן איצט, אָן אויפ־הער, אַ שטורם פון ווייטיק. דער לעצטער דעפאָרמירט יעדן געדאַנק.

מיט אַ געפיל פון ביטערקייט, וואַרף איך זיך פאָר, אַז איך האָב זיך צעשיידט מיט דער קליינער דאָזע פון ציאַנקאַלי, באַהאַלטן אַ מאָל אונטער אַ קליינעם פלאַסטער, צוגעקלעפּט צו מיין אָרעם.

וואָס נוגע די עטלעכע פּאָרציעס פון סם, וועלכע צירקולירן אין אונדזער גרופּע, זענען די רעזולטאַטן געווען תמיד אַנטוישנדיקע. לאַנג פלעגט מען טראָגן ביי זיך יענע "פאַרזיכערונג־ברעקלעך", ביז... אין

אַ געוויסן מאָמענט פלעגט מען זיי אָפּטרעטן לטובת אַן אַנדערן חבר, וועלכער האָט אויסגעזען צו זיין מער באַדראָט. און דער רעזולטאַט? קיינער צווישן די, וועלכע זענען אַריינגעפאַלן, האָט נישט פאַרמאָגט קיין סם אין דער שעה פון אַנטשיידונג.

נעמענדיק אין אַכט די ערנסטקייט פון איצטיקן פאַל, וואָלטן מיינע פריינד געדאַרפט אויסגעפינען אַ פּאַרטל און מיר צושטעלן אַ "דאָזע". אויב נישט קיין אַנדערער, דאַרף דאָס טון עמעצער צווישן די, וועלכע זענען באַשעפטיקט אין "טעכנישן ביוראָ" און וועלכע זענען די איינ־ציקע צו האָבן אַ פּרעטעקסט אַרומצוגיין אין לאַגער.

הגם אַן קיין שום אָנשפּאַר, באַוויזט דער דאָזיקער געדאַנק זיך אַריינצובאַקומען אין מיין מוח. איך הייב־אָן צוערשט זיך פאַרצושטעלן און שפּעטער באמת צו גלויבן, אַז יענע איבערשיקונג וועט מיר אָנקומען צוזאַמען מיטן מיטאָג עסן. מיין געדאַנק פאַרעקשנט זיך אויסצוואַרטן דאָס דאָזיקע עסן. אָנשטאָט איבערטראַכטן די עווענטועלע "פאַרלענגע־רונגען" פון דער אַפּערע, קאָנצענטריר איך זיך אויף די אופנים פון צע־ברעקלען דאָס ברויט, וואָס מען וועט מיר ברענגען, כדי צו געפינען דאָרט די גאולה־קערנער.

ס'איז נישט מער ווי נאָך אין אָבסעסיע. דער איינציקער — הגם נישט קיין באַוואוסטזיניקער — ציל איז צו באַזייטיקן די אמתע פּראָב־לעמען: די לעצטע זענען אַן אַ שיעור מער דרינגענדיקע אָבער אויך אַ סך שווערערע צו פאָרמולירן און צו לייזן.

דאָס עסן, אויף וועלכן איך וואַרט, קומט נישט אָן. די צייט פאַר־גייט. ענדלעך בין איך געצוואונגען צו אַנערקענען די ממשותדיקייט: קיין עסן וועט מען מיר נישט געבן. דערמיט ווערט צעשטערט אויך די האָפענונג אויף אויסמיידן די רציחות פון דער אויספאָרשונג.

אין דער שאָפּע, פאַלט דאָס ליכט אַריין בלויז דורך צוויי נעבעכדיקע עפענונגען, וועלכע געפינען זיך זייער הויך, אויסגעקראַצט אין דער וואַנט

און וועלכע זענען באַדעקט מיט שטאַכל־דראָטן. איך פּראָביר זיך צו דערמאַנען די אופנים, וואָס דערמעגלעכן פעסטצושטעלן די שעה לויט דער פּאָזיציע פון דער זון און לויט דער ריכטונג פון אירע שטראַלן. אָן קיין שום רעזולטאַט. טראָץ אַלע אויסגעטראַכטע קאָמבינאַציעס און "קאָנפּראָנטאַציעס", בין איך אַבסאָלוט נישט פעאיק צו דעפינירן אויף וועלכער זייט — מערב, מזרח, צפון אָדער דרום — גייען אַרויס די צוויי "פענסטערלעך". אַ סך שפּעטער, און דאָס מאָל אָן קיין שום הילף פון טעאָריעס, שטעל איך פעסט דאָס קומען — צווישן פון בין השמשות און דאַן פון דער נאַכט. היות די אויספאָרשונגען אין לאַגער קומען קיינ־מאָל נישט פאָר אין דער נאַכט, געוואוין איך מיך צו צום געדאַנק, אַז דער המשך וועט זיך אָפּשפּילן ערשט צומאָרגנס.

דווקא דאַמאָלט עפנט זיך אָבער די טיר. אין באַראַק גייען אַריין דער אויבער־קאַפּאָ אָרלאַנד, באַגלייט דורך אַ געוויינלעכן לאַגער־פּאָ־ליציסט. בשעת דער לעצטער שטעלט אַנידער אויף דער ערד אַ טאָפּ, מיט אַ שוואַרצער פליסיקייט און דערנעבן צוויי שטיקלעך ברויט, נעמט אָרלאַנד אָן אַ פּאָזע פון אַ פּערזאָן, וואָס איז איבעראַשט דורך דער מענטשלעכער נאַרישקייט און דורך דעם אומגליק, וואָס אַזאַ נאַ־רישקייט איז מסוגל גורם צו זיין. פון דער אויפגעמאַכטער טיר פאַלט איצט אַריין אין באַראַק דאָס ליכט פון די עלעקטרישע לעמפּ, צעשטעלט נעבן די שטאַכלדראָטן. איך זע דאָס פּנים פון דעם אויבער־קאַפּאָ, מיט זיינע אויסגעגלאָצטע אויגן און מיט זיינע געמיינע שטריכן. ס'איז אַ פּנים, וואָס טיילמאָל כאַראַקטעריזירט עס אַ דורכגעטריבענעם ברוטאַל אָן סקרופּול, און אַן אַנדערש מאָל אַ פּשוטן מענטשן, וועלכער איז אייביק מיד און וועלכן דאָס לעבן האָט באַרויבט פון אַלע אילוזיעס.

— "אַזוי לאַנג טראָגט דער קרוג דאָס וואַסער, ביז ער ווערט צע־בראָכן", זאָגט ער ענדלעך אויף פּויליש. דערביי הויבט ער אויף און באַוועגט מיט זיינע אַקסלען. ער שאָקלט לאַנגזאַם מיטן קאָפּ, כדי אויס־צודריקן זיין דערשטוינונג אַנטקעגן אַ נאַרישקייט, וועלכע שטייגט איבער

דעם שכל. זיין שטימע, הייזעריק ווי תמיד, באַזיצט איצט אַן אָנדייטונג פון אַ טיפן אומעט.

— און דאָס אַלץ, בכדי צו פוילן אין באַראַק! — גיט ער צו לסוף, נאָך אַ לענגערער שטילקייט. — דערצו בעת דעם אַפּעל! ווען איך וואָרן, ווען איך בעט, וויל מען מיר נישט גלויבן, אַז איך טו עס לטובת די חברים: כדי זיי אָפּצוהיטן פון אַן אומגליק. און איצטער ווערט איר באַצאָלן!

די פריינד באַשעפטיקט אין "טעכנישן ביורא", "פּראָמינענטן", וואָס זענען אַמבעסטן אינפאָרמירט, באַטראַכטן אָרלאַנדן[1] פאַר דעם גרעסטן אויסוואורף, וועלכער מיידט נישט אויס קיין שום נידערטרעכטיקייט. ביי די פּשוטע לאַגעריסטן איז די מיינונג וועגן אים אַ סך מער ניואַנסירט: אַלס אויבער־קאַפּאָ פּילט אָרלאַנד טאַקע אויס די שמוציקע אויפגאַבעס, פאַרבונדן מיט זיינע "הויכע פונקציעס". פונדעסטוועגן פּאַסירט אויך, אַז ער העלפט פאַרשידענע מענטשן. טיילמאָל ראַטעוועט ער זיי פון טויט אויף זיין אייגענער ריזיקע.

ווען די ס.ס.־לייט האָבן אַריינגעיאָגט, נישט ציילנדיק, אַ גרעסערע צאָל לאַגעריסטן "צווישן די דראָטן", כדי זיי צומאַרגנס מאַסנווייז צו דערשיסן, האָט אָרלאַנד דערמעגלעכט אַ טייל פון זיי אין דער נאַכט זיך פון דאָרטן אַרויסבאַקומען. ער פּירט אויס רעוויזיעס, ער באַרויבט — לטובת די ס.ס.־לייט און מסתמא אויך פאַר זיך אַליין — געלט און צירונג. די יעניקע אָבער, וואָס האָבן ביי אים דעפּאָנירט זייערע "קאַפּיטאַלן", צאָלט ער אויס יעדעס מאָל די דורך זיי געפּאָדערטע סומעס: ווי אין אַ באַנק. ער פאַרטראָגט נישט די "אינטעליגענטן" און ער געפינט אַן אמתע הנאה צו קענען זיי דערנידעריקן. ווען זיי שטעלן זיך אָבער איין ביי אים און בעטן אים צו טון אַ טובה, פּילט ער אויס זייער בקשה: כדי מען זאָל אים באַוואונדערן. ער ווערט באַטראַכט פאַר דעם הויפּט־מסור, אָבער פון צייט צו צייט האַלט ער טרייסט־דרשות אין דער אָנ־

1) אייגנטלעך האָט ער געהייסן נישט „אָרלאַנד", נאָר — אָרעמלאַנד.

ווענהייט פון גאַנצע גרופּעס. ער פאָדערט זיי אויף „נישט צו פאַלן ביי זיך, כדי וואָס מער זאָלן איבערלעבן דאָס גיהנום". מאַנכע זעען אין אים אַ פּסיכאָלאָגישן פאַל: היות ער האָט באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דערציאונג, ווערט ער געמאַטערט דורך געוויסן־ביסן און מיט די דער־מאָנטע טובות וויל ער זיך אויסצאָלן פאַר די פאַרברעכנס, וואָס זענען פאַרבונדן מיט זיינע „פונקציעס".

אין דער אמתן, זעט ער לגמרי נישט אויס אויף אַ מענטשן געפּייניקט דורך גרויסע מאָראַלישע פּראָבלעמען. ווי מיר אַלע, האָט ער פונדעסט־וועגן אַ גרונט צו האַסן די היטלעריסטן און צו סאָלידאַריזירן זיך מיט די קרבנות. דאָס איז די סיבה וואָס שוין האָבנדיק דערפילט זיינע טרויעריקע „אויפגאַבעס", ווערט ער פאַרט באַוועגט דורך באַגריפן פון „פאַרן מבול". אפילו די גרויסהאַרציקע נדבות, וואָס ער גיט פאַר די אויסגעהונגערטע און קראַנקע, „ווערטפולע" מענער און פרויען, דער־מאָנען די איינשטעלונג פון אַ קליינבירגער, וואָס מאַכט אַ ביליקע פילאַנ־טראָפּיע. אין דער אָפּטיק, געשאַפן דורך דער לאַגער־גויט, זעען אויס די דערמאָנטע מתנות צו זיין אַן אויסדרוק פון אַ קאָלאָסאַלער אָפּפער־וויליקייט. אין די געשעפטן פון אויבער־קאַפּאָ זענען אָבער יענע סומעס פאַרהעלטניש־מעסיק לעכערלעכע און זיי קענען זיכער נישט באַדייטנ־דיק פאַרקלענערן זיין פאַרמעגן. אָריענטירט געניי אין די אופנים פון מאַסן־דערשיסונגען און וויסנדיק, אַז די ס.ס.־לייט וועלן אים נישט כאַפּן ביי דער האַנט, לאָזט ער טאַקע אַרויס אַ צענדליק פערזאָנען פון אַ צאָלרייכער גרופּע פאַרמשפּט צום טויט. אין דער זעלבער צייט וועט ער אָבער נישט אויסמיידן קיין שום אָנשטרענגונג און קיין שום נידער־טרעכטיקייט, כדי אויסצוגעפינען אַ „שולדיקן", אויב דער פאַל האָט שוין צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון די ס.ס.־לייט און אויב זיין ביישטייער אין פאַרמסרן קען אים צוגעבן „חשיבות" אין זייערע אויגן.

איצט האַלט ער פאַר מיר אַ דרשה אויף אַ וויינענדיקן נוסח. אומגע־דולדיק צו דערוויסן זיך מער, אָבער אין דער זעלבער צייט פאַרזיכטיק, כדי נישט אַרויסזאָגן על פּי צופאַל עפּעס אַ פּרט, ענטפער איך:

— ס׳איז טאַקע טרויעריק. דאָס האָט געקענט פּאַסירן יעדן איינעם. דער אומגליק האָט געוואָלט, זאָל עס פאַלן אויף מיר. און אַט, בין איך מחויב אַליין עס צו באַצאָלן.

מיין באַשיידענע באַמערקונג ברענגט אָרלאַנדן אויסער זיך:

— אַליין, אַליין! צוליב איך האָבן שוין דריי צווישן מיינע אָרדנער איינקאַסירט יענע שמיץ! די בריגאַדע פון שמאַטעס־קלייבער איז געשיקט געוואָרן, אויף דריי טעג, צו דער שוואַרצער אַרבעט!

איך זוך, מיט אָנשטרענגונג, צו פאַרשטיין דעם שייכות פון די דאָזיקע שטראָפן מיט די לעקציעס אויף דער פּריטשע. אַז עס רעוואָלטירן אים די קלעפּ געכאַפּט דורך די אָרדנערס, דאָס פאַרשטיי איך: די אָרדנערס געהערן אים; זיי זענען זיינע מענטשן, זיינע דינסט־אויספירער און זיינע דירעקטע פּראָטעזשירטע. די קלעפּ האָבן זיי אָבער געכאַפּט בלויז פאַר נישט אויסליידיקן דעם באַראַק אין דער צייט. דאָס איז אַלץ.

— וואָס האָב איך צו טון מיט די שמאַטעס־קלייבערס?

— טאַקע ביי זיי האָט דאָך דער ס.ס.־מאַן איך געפּאַקט און איינגעהאַלטן מיט צוויי וואָכן צוריק.

איך בלייב דערשטוינט. דער פאַל, וועגן וועלכן עס רעדט אָרלאַנד, קומט מיר אויף אומדייטלעך אין זכרון.

— כ׳בין דאָרט געשיקט געוואָרן דורך מיין מייסטער. ער האָט עס שפּעטער באַשטעטיקט און דערמיט איז דער גאַנצער ענין געווען פאַרענדיקט.

— איר מיינט, אַז דער ס.ס.־מאַן איז אַזאַ נאַר און פאַרשטייט נישט, הלמאי אַן אַרבעטער פון קאַרטאָנאַזש האָט גאַרנישט צו זוכן ביי די שמאַטעס־קלייבער? ער האָט טאַקע געלאָזט פאַלן דעם ענין. זינט דאַמאָלט געדענקט ער אָבער אייער פּרצוף. איבעריקנס שלעפּט איר זיך אָן אויפ־

הער. איינמאָל דעקט איך אייער מייסטער און אַן אַנדערש מאָל דעקן איך די חברה־לייט פון טעכנישן ביוראָ.

ער נעמט ווידער אָן זיין קלאָג־טאָן:

— אידיאָטן, וואָס איר זענט, די פּראָפּעסיאָנעלע אינטעליגענטן! איר וואָלט געקענט אפשר זיין נוצלעך נאָך דער מלחמה, אָבער איר טוט דאָך אַלץ, כדי אייך לאָזן הענגען. איך האָב פּראָבירט זיך איינשטעלן פאַר אייך ביי דעם ס. ס.־מאַן. ליידער, וויל ער פון גאָרנישט הערן.

ער מאַכט נאָך עטלעכע רחמנות־זשעסטן און פאַרלאָזט די נאַרע, צוזאַמען מיט זיין לאַגער־פּאָליציסט.

געבליבן אַליין, לאָז איך זיך ווידער שווימען אין די השערות. עס שיינט מיר זיכער, אַז די וויזיט פון אויבער־קאַפּאָ האָט נישט פאַרבאָרגן קיין שום בייזוויליקייט. ער האָט אַפילו נישט פּראָבירט זיך עפּעס צו דערוויסן.

אין אַ געוויסן מאָמענט, אַנטדעק איך אויף אַ מאָל מיט דערשטוינונג, אַז אין צווישנצייט האָב איך שוין אויפגעגעסן מיין גאַנץ ברויט. די משונהדיקע פעסטשטעלונג רופט אַרויס ביי מיר צוערשט אַ געפיל פון טיפער אַנטוישונג. אַזוי ווי עמעצער וואָלט מיך שרעקלעך אָפּגענאַרט. דערנאָך קומט די פשוטע קאָנקלוזיע: אויב ס'איז דאָרטן געווען דער סם, האָב איך אים אין יעדן פאַל אַראָפּגעשלונגען, צוזאַמען מיטן עסן. אַביסל שפּעטער הייב איך אָן צו טראַכטן, אַז אַלע מיינע פּאַראויסזעאונגען בנוגע איבערשיקן פון דער ״לעצטער דאָזע״, זענען געווען נישט מער ווי סתם־אילוזיעס.

דער צאָן־וויטיק, איינגעשטילט אָדער פאַרגעסן בעת דעם וויזיט פון אויבער־קאַפּאָ, הייבט אָן איצטער אויפסניי צו פּייניקן. ער איז באַגלייט מיט וויטיקן אין אַלע טיילן פון מיין קערפּער. דאָס אַלץ שטערט נישט דעם געדאַנק צו פירן זיין עקשנותדיקן דיאַלאָג מיטן טויט. די דאָזיקע

געשפּרעכן ציען זיך כּאָטיש, אָן אַ סוף, און זיי זענען — ווי תּמיד — אָן אויסוועג. די גאַנצע דיאַלעקטיק און די אַלע איינשטעלונגען זענען שוין פון לאַנג אָפּגענוצט: אַזוי פיל מאָל זענען זיי שוין געווען פאָרמו־לירט מכוח "דער לעצטער מינוט", וועלכע פלעגט זיך מיט פאַטאַליטעט איבערחזרן, אַז איצטער קומען זיי צוריק אַלס פאַרטיקע, באַקאַנטע, פול־שטענדיק־דעפינירטע. און דאָך, טראָץ דעם וואָס זיי זענען אויסגעליי־דיקט און באַפרייט פון יעדן סיורפּריז, הערן זיי נישט אויף צו פאַרסמען, צו מאַטערן, צו אונטערדריקן. הגם אַזוי פיל מאָל זענען זיי שוין געווען אויסגעפּרואווט, איבערגעלעבט, קאָנסומירט, שטויסט זיך כּסדר די האַר־בע ביטערקייט פון "קיינמאָל מער" קעגן די ווענט פונעם באַוואוסטזיין.

צומאָרגנס, אין דער פרי, קומט "מיין" ס. ס.־מאַן אַריין אין תּפיסה, באַגלייט דורך דעם אויבער־קאַפּאָ און דורך אַ לאַגער־פּאָליציסט.

דער ס. ס.־מאַן איז אין אַ גוטער שטימונג. לאַכנדיק, וואַרפט ער אויף מיר אַ נאַכלעסיקן בליק. באַלד דערנאָך דרייט ער זיך אויס צו דער טיר און קוקט אין דער ריכטונג פון דעם אַפּעל־פּלאַץ, פאַרשטעלט אין אַ גרויסער טייל דורך די באַראַקן. כּדי צו פאַרשטעלן דאָס גענעצן, פאַר־דעקט ער זיין מויל מיט דער האַנט. דאַן זאָגט ער אַרויס עטלעכע זאַצן, אין אַ טאָן פון אַ נישט־וויכטיקער פּלוידעריי, ווידער אַ מאָל מאַכט ער אַ רמז צו דעם "פויגל געכאַפּט אין זיין שטייג" און צו מיין "חוצפּה".

הגם איך בין דורכגעדרונגען מיט אַ געפיל, אַז יעדער פּרואוו פון באַרעכטיקן זיך איז אומזיסט, ריזיקיר איך צו לאָזן הערן מיין וואָרט.

מיט אַן אונטערטעניקער שטימע זאָג איך אים, הלמאי איך האָב געהאַט אַ טעות אין אויסרעכענונג פון דער צייט און איך האָב נישט געוואוסט, אַז דער אַפּעל האָט זיך שוין אָנגעהייבן. צו מיין גרוי־סער דערשטוינונג, לאָזט מיך דער ס. ס.־מאַן רעדן. לשם ענטפער, ברעכט ער אָבער אויס מיט אַ געלעכטער:

— און וועגן דעם אַלעמען דערמאָנסטו דיך ערשט איצט? אין מאָ־מענט, ווען מען האָט דיך געפּאַקט, ביסטו געווען טויב און שטום, אָדער וואָס? דו האָסט מסתמא געמיינט, אַז נישט דו מיך, נאָר אַז איך האָב דיך געדאַרפט בעטן!

דאָ מישט זיך אַריין דער אויבער־קאַפּאָ:

— מען האָט געדאַרפט — שרייט ער — באַלד בעטן דעם הער שאַרפירער. תיכף ומיד! מאַכט עס כאָטש אַצינד, אידיאָט וואָס איר זענט! דער הער שאַרפירער איז אַ גוטער. ער מיינט בלויז דאָס גוטס פון די העפטלינגען. אָרדענונג מוז אָבער זיין!

דער ס. ס.־מאַן מאַכט אַ גרימאַס פון פאַראַכטונג:

— יעצט איסט עס שאָן צו שפּעט דאַפיר! יעצט ווירסט דו שאָן קאַפּע מיט שנאַפּס טרינקען.

און אין דער זעלבער רגע פאַרלאָזט ער די נאָרע. אָרלאַנד גייט אים אונטערטעניק נאָך, אָבער געפינט נאָך אַ געלעגנהייט צו זאָגן מיר, אויף פּויליש, מיט אַ געמיש פון רחמנות און פאַרוואורף:

— מען האָט געדאַרפט אים בעטן, אידיאָט, וואָס איר זענט! בעטן מיט תחנונים!

די טיר פאַרמאַכט זיך. איך בין פאַרשטומט און — אין דער זעל־בער צייט — אויסגעליידיקט פון יעדן געדאַנק: דאָס גוטע געמיט פון ס. ס.־מאַן האָט געגעבן אַלס רעזולטאַט, בלויז די באַשטעטיקונג פון דעם טויט־אורטייל. וויאַזוי פאַרטיידיקן זיך קעגן דעם אוממעגלעכער־באַרן געפיל פון אַבסורד?

די טיר פון דער נאָרע הייבט־אָן ווי צו ווערן דורכזיכטיק. איך זע אין געדאַנק אַלץ, וואָס עס קומט פאָר אין לאַגער:

...זיי זאַמלען זיך אויפן אַפּעל־פּלאַץ. די בריגאַדיערן שרייען און

ציילן די שורות. דאַן... דער אַפּעל האָט זיך שוין מסתמא אָנגעהויבן. ...אויפהענגען נאָך אַ מענטשן, דאָס וועט דאָ קיינעם נישט פאַרחידושן. מיטן אויסנאַם פון מיינע פערזענלעכע פריינד און די, וואָס זענען אַלאַר־מירט געוואָרן דורך דער סכנה פון מאַסנהאַפטע אַרעסטן, וועט מיין טויט אויף דער תליה פאַרבלייבן אַנאָנים. ס'וועט זיין נישט מער ווי נאָך איין טויטער אין דער טאָג־טעגלעכער כראָניק.

נישט וויסנדיק פאַרוואָס איך טו עס, שפּאַר איך זיך איין צו דער־מאָנען די עקזעקוציעס אין לאַגער, וועלכע איך האָב בייגעוווינט. זיי זענען אָבער געווען צו פיל. אין רעזולטאַט — קיי איך איבער נישט סיטואַציעס, נאָר אָפּגעזונדערטע שיריים פון בילדער: פראַגמענטן, וועל־כע פלעכטן זיך צונויף איינע מיט די אַנדערע און פאַרלירן זייער איי־גענעם אויסדרוק. דאָס אויפהענגען אויף די תליות איז געווען ענלעך צו אַ גרוילעך מאַריאָנעטן־שפּיל. דער טויבער ווייטיק, וואָס פלעגט, בשעת יענע "אויסבילדונג"־ספּעקטאַקלען, דורכדרינגען, אונדז, די גע־צוואונגענע צושויער, האָט געצויגן די יניקה גיכער פון אונדזער איי־גענער ביטערקייט ווי פון דער "פאַרשטעלונג" גופא. דער ספּעקטאַקל, רעדוצירט צו עטלעכע באַוועגונגען, איז געווען פשוט ביז צו פאַר־צווייפלונג.

איך ווייס נישט פאַרוואָס, אָבער — פון יענע אַלע אויפגעהאַנגענע — זע איך, אין מיין געדאַנק, איצט בלויז צוויי און דערצו די "באַנאַל־סטע". דער ערשטער פון זיי האָט אַרויסגעוויזן אַזאַ גלייכגילטיקייט, אַז ער האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ פאַרשלאָפענעם און בפרט פון אַ פוילן. דער צווייטער האָט גענומען צו זאָגן ווידוי. נישט דורך אומ־געהאָרכזאַמקייט אָדער רעוואָלט, נאָר דורך אַ פשוטער צעשטרייטקייט האָט ער פאַרפּלאָנטערט די באַפעלן, וואָס עס האָט אים געגעבן דער "דינסט־ס.ס.־מאַן". איך האָב זיך דאַמאָלט געפונען אין דער ערשטער ריי פון די לאַגעריסטן, גאַנץ נאָענט צו דער "סצענע", און איך האָב געהערט, ווי דער ס.ס.־מאַן האָט צו אים אויסגעשריגן:

— רעדן צו דיין יעהאָוואַ, דערויף וועסטו האָבן גענוג צייט שפּעטער, אין הימל. איצט הער דיך איין צו דעם, וואָס איך הייס דיר טון.

היות דער פאַרמשפּטער האָט נאָך אַלץ נישט פאַרשטאַנען אָדער נישט צוגעגעבן קיין אויפמערקזאַמקייט זיינע ווערטער, האָט דער ס.ס.־מאַן מיט אַן אימפּעט אים געהאָלפן אַריינצושטעלן זיין קאָפּ אין דער פּעטליע און אים אַרונטערגעשטופּט אונטער דער תליה. אין דער זעלבער צייט האָט ער געוואָרפן אַ בליק אויף זיין האַנט־זייגערל און ער האָט זיך דערשראָקן, באַמערקנדיק די פאַרשפּעטיקונג אין דעם אַרויסמאַרש פון די בריגאַדעס. נישט קוקנדיק מער אויף דעם קרבן, וועלכער האָט — אין צווישנצייט — שוין געהאָנגען, האָט ער געגעבן אַ סיגנאַל פאַר די אַנדערע ס.ס.־לייט. די לעצטע האָבן תיכף ומיד געגעבן אַ שפּרונג אין דער ריכטונג פון די רייען. זייער געשריי "צו דער אַרבעט!", איז תיכף באַגלייט געוואָרן מיט די שנעלע באַוועגונגען פון זייערע בייטשן. עט־לעכע פאַרטומלטע בריגאַדיערן האָבן דאַמאָלט פאַרגעסן, אַז דער באַ־פעל צו מאַרשירן זייער שנעל באַפרייט לחלוטין נישט פון די "האַלב־אומקערן זיך" און פון די אַלע אַנדערע פאָראויסגעזעענע מאַרש־עוואָלו־ציעס. אין דער געשאַפענער פּאַניק, האָט יעדער געטראַכט בלויז וועגן דעם, וויאַזוי אַרויסגיין אַליין אַן אומבאַשעדיקטער און קיינער האָט שוין מער נישט געהאַט קיין חשק צו קלערן וועגן דעם טויט. דער מת האָט געהוידעט אַ קאַלטער, שוין אַ פאַרלאָזטער, שוין אַ פאַרגעסענער.

די דאָזיקע צעמישטע בילדער האַלטן זיך איין אין מיין זכרון נישט מער ווי אַ ווילע. זיי ווערן אַרויסגעשטויסן דורך אַ דערמאַנונג, נישט פון אויפהענגען, נאָר פון אַ דערשיסונג.

דער פאַל איז פאָרגעקומען ווינטערצייט. די רייען פון די לאַגע־ריסטן, דערדריקט דורך דעם מוראדיקן פראָסט, זענען געשטאַנען אויפן פּלאַץ בלויז מיטן כוח פון אָנשטרענגונג, וואָס זי אַליין האָט שוין געשיינט זיך צו פאַרוואַנדלען אין אַ פאַרגליווערטן אייז־זייל. און אָט, אין מאָמענט, ווען דער אַפּעל האָט שוין געהאַלטן ביי זיין סוף, האָבן די ס.ס.־לייט

געהייסן אַרויספירן צוויי יונגע בחורים און אָנגעהויבן די עקזעקוציע.

זיי האָבן באַפוילן די קרבנות זיך אויסטון. דער ייִנגערער צווישן די בחורים האָט זיך שנעל און געשיקט באַפרייט פון זיינע שמאַטעס. דער אַנדערער, פאַרשטייפט דורך דער פראָסט, איז נישט געווען אימשטאַנד עס צו טון. זיין נאַקעטער חבר איז דאַמאָלט צוגעלאָפן אים צו העלפן און געריסן מיט אומגעדולד זיין אָנטועכץ.

די דאָזיקע איילעניש האָט לוסטיק געמאַכט דעם ס.ס.־מאַן, וועלכער האָט זיי געדאַרפט שיסן. ער האָט טאַקע שוין אָנגעהויבן זיין באַליבטן שפּיל, כדי פאַרלענגערן דעם ספּעקטאַקל. צוויי מאָל נאָכאַנאַנד האָט ער אויפגעהויבן זיין ביקס, אָנגעצילט די רער אין דער ריכטונג פון די בחורים, וואָס האָבן דערוואַרט דעם טויט. צוויי מאָל האָט זיך געלאָזט הערן דער שאַרף פונעם ביקס־צינגל, אָבער קיין שאָס איז נאָך נישט געקומען.

ווען דער עלטערער בחור איז געפאַלן אונטער דער ווירקונג פון דער קעלט, האָט אים דער ייִנגערער אויפגעהויבן און אים אונטערגעהאַלטן. היות אויך ער אַליין איז שוין אָבער געווען דערדריקט און פאַרשטייפט דורך דער פראָסט, האָט ער זיך געוואָנדן צו דעם ס.ס.־מאַן און אויסגעשריגן:

— שנעלער, ווילדע חיה! אויסוואורף!

טראָצדעם וואָס די דאָזיקע ווערטער האָט ער אויסגעשריגן מיט אַ שטאַרקער שטימע, וועלכע האָט זיך צעטראָגן וויט אין די רייען פאַרשטייפטע אויפן פּלאַץ, האָט דער בחור נישט געהאַט אַפילו די לעצטער־לעכע סאַטיספאַקציע, זיי זאָלן ווערן פאַרשטענדלעך פאַרן תליון. פאַר־אינטריגירט דורך דעם געשריי פון דעם געפייניקטן, האָט דער ס.ס. ווי־דער אַראָפּגעלאָזט זיין ביקס, געגעבן אַ סימן איינעם פון די לאַגער־פּאָ־ליציסטן, ער זאָל זיך דערנענטערן און אים געהייסן איבערזעצן אויף דייטש די זאַצן, וואָס זענען אויסגעשריגן געוואָרן אין דער פּוילישער

שפּראַך. ציטערנדיק פאַר זיין אייגענער הויט, האָט דער לאַגער־פּאָלי־ציסט דערשטיקט די מאַיעסטעט־באַליידיקונג און געגעבן די פאָלגנדע ווערסיע:

— ער ווענדט זיך צו אייך, הער שאַרפירער, מיט דער אונטערטע־ניקער בקשה, איר זאָלט אים שענקען אַ "גנאַדע־קויל", שיסנדיק וואָס גיכער.

אויפן ענקערס פּנים האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל פון סאַטיספאַקציע, מיט אַ גוט געמיט פון אַ וואוילטוער. האָט ער נאָך איין מאָל אויפגעהויבן זיין ביקס, געצילט און דאָס מאָל שוין יאָ אויסגעשאָסן. די צוויי בחורים זענען געפאַלן, איינער נעבן אַנדערן, לעכערלעך ביז צו פאַרצווייפלען: ווי ליאַלקעס, ביי וועלכע מען האָט אַרויסגענומען עפּעס אַ שרויף פון זייער מעכאַניזם; ווי פּופּעס אין אַ יאַריד־באַראַק, געטראָפענע דורך אַ קויל פון אַ זונטיק־שיסער, וואָס פאַרוויילט זיך.

צוערשט איז דערגרייכט געוואָרן און געפאַלן דער עלטערער פון די צוויי קרבנות. דער יינגערער, איידער די קויל האָט אים דורכגעלעכערט, האָט נאָך באַוויזן צו וואַרפן אין ריכטונג פון ס.ס.־מאַן:

— פּחדן! רוצח!

דאָס מאָל האָט דער תלין אפילו נישט געטראַכט זיך לאָזן איבער־זעצן זיין אויסגעשריי. מסתמא איז ער געווען איבערצייגט, אַז ס'איז געווען אַן אויסדרוק פון דאַנקבאַרקייט: "אַ דאַנק, אַ האַרציקן דאַנק!".

די דערמאָנונג פון יענע אויסקרומונגען און קאָנוואולסיעס פאַלט און לייגט זיך אַרויף אויף מיר, אַ שווערע, אַן אומאָפּשפּאָרבאַרע. וואָס איז דער מענטש אימשטאַנד צו טון קעגן די קאָמישע אויסווירקונגען פון אומגעלומפּערטקייט פונעם אייגענעם, דורכגעווייטיקטן גוף? וויאַזוי, גע־מאַטערט דורך דעם ציין־ווייטיק, קען מען איינהאַלטן אַ ניכטערקייט פון געדאַנק? וואָס קען אַ נאַקעטער מענטש טון קעגן דעם פאַרעטערישן כוח פון פראָסט?

לכל הפחות דער פראָסט דראָט נישט מער. און נישט די נאַקעט־קייט, וואָס אַנטוואָפּנט אויך גייסטיק. ס׳איז זומער און, זינט דער פראָסט איז אַוועק, צווינגען נישט די ס. ס.־לייט די צום טויט־פאַרמשפּטע זיך אויסצוטון פאַר דער עקזעקוציע.

ווען די טיר עפנט זיך ווידער און דער אויבער־קאַפּאָ, באַגלייט דאָס מאָל דורך צוויי לאַגער־פּאָליציסטן, פירט מיך אַרויס פון דער נאָרע, שיינט דער פרימאָרגן צו זיין אַ פראַכטפולער.

די דריי מענטשן בלייבן אין אַ פאַרכמורעטן שטילשווייגן. בשעת זיינע צוויי אַקאָליטן מיידן אויס צו קוקן אויף מיר, נעמט אָרלאַנד אָן אַן אויסדרוק פון דערשלאָגנקייט און פון פאַרטראַכטעניש, וועלכע ער קען אַזוי גוט אימפּראָוויזירן. ער באַוועגט דערביי מיט די אַקסלען, ווי ער וואָלט געוואָלט זאָגן: ״דו האָסט דאָס, וואָס דו האָסט אַליין פראָוואָצירט. וואָס קען איך דערויף טון?״.

פאַר דער נאָרע שטייט אַן אַסקאַר[1], אוקראַאינער אָדער רוס, אָנגעטון אין זיין שוואַרצן אוניפאָרם, מיט אַ ביקס. זיין אַנוועזנהייט דאָ איז אפשר נישט מער ווי אַ צופאַל, ווייל בדרך כלל פירן אויס די אַסקאַרן זייער דינסט אויף די וואַכטורעמס און פון יענער זייט דראָטן, נישט אַריינגייענדיק אין דעם אינערלעכן לאַגער גופא.

איך האַלט זיך אינסטינקטיוו איין, כדי זיך אויסגלייכן און זיך אַ ביסל צעוויגן. דער אַסקאַר קוקט מיך אָן מיט אַן אויסדרוק פון מיט־לייד, וואָס צעגיסט זיך אויף זיין אומבאַוועגלעכן און ברוטאַלן פּנים פון אַ געזונטן מענטשן, בלאָזירט דורך זיין כוח. דערנאָך, מסתמא כדי מיר צוצוגעבן קוראַזש, זאָגט ער אויס אַ טריוויאַל רוסיש ווערטל, וואַרט אויס אַ רגע און, מיט אַ זאַפטיקן אַקצענט פון ניהיליזם, וואַרפט ער צו:

— פּיף אויפן לעבן! נאַפּלעוואַט! (שפּיי דערויף!).

---

1) סאָוויעטן, קריגס־געפאַנגענע, אין דייטשער דינסט.

די לאַגער־פּאָליציסטן פירן זיך אויף העפלעך און תמיד ווי מענטשן, וועלכע האָבן גאַרנישט צו טון מיטן גורל, וואָס דערוואַרט מיך. זיי דער־מאַנען מיר בלויז, אַז מען דאַרף זיך פאַרט אַ ביסל צואיילן. ווען מיר הייבן אָן ווידער צו גיין, האַלט דער אויבער־קאַפּאָ אפילו פאַר נוצלעך זיך צו אַנטשולדיקן:

— וואָרום די ס.ס.־לייט קענען ווערן אומגעדולדיק און זיך דע־נערווירן.

נישט קוקנדיק אויף מיין דערדריקונג, גליטשט זיך אַריין אין מיינע כאַאָטישע מחשבות אַ משונהדיקער "אַ פּראָפּאָ". ס'איז אַ לעכערלעכער אַנעקדאָט וועגן עפּעס אַ צום טויט־פאַרמשפּטן, וואָס מען האָט אים גע־פירט, אין מיטלאַלטער, צום שטאָט־פּלאַץ, וואו עס האָט געדאַרפט פאָרקומען זיין עפנטלעכע עקזעקוציע. זעענדיק, ווי זיינע היטער שטופּן פאַנאַנדער די צושויער, כדי אים דורכפירן איבער דעם געדיכט־פאַר־זאַמלטן המון, האָט ער זיי באַרואיקט, זאָגנדיק: "איר מוזט זיך נישט אַזוי איילן, הערן וועכטער. מיר וועלן זיין אין דער צייט. פריער ווי איך וועל דאָרט אָנקומען וועט זיך דער ספּעקטאַקל סיי ווי סיי נישט אָנהויבן".

איך דערפיל אַ חשק, וואָס איז ענלעך צו אַן איינשפּריצונג: זאָגן די זעלבע זאַך צו מיין עסקאָרטע, בלויז כדי זיך געבן אַן "אויסזען", בלויז כדי איבעררייסן דאָס שטילשווייגן. מיין האַלדז פאַרברייטערט זיך און פאַרענגערט זיך, אָבער מיין מויל וויל זיך נישט עפענען. אַ רגע שפּעטער פאַרלירט זיך שוין דער גאַנצער איינפאַל, ווי ער וואָלט פאַרשאָטן גע־וואָרן מיט באַוועגלעכע זאַמדן. איבעריקנס זענען מיר שוין דורכגעגאַנגען דעם זייטן־באַראַק, וועלכער האָט אונדז פריער פאַרשטעלט דעם אַפּעל־פּלאַץ. דער לעצטער צעלייגט זיך איצט פאַר אונדז, אין זיין גאַנצער שוידער־פּראַכט. די בריגאַדעס, וואָס זענען אויסגעשטעלט אומבאַוועגלעך איינע נעבן די אַנדערע, מאַכן — געזעענע פון דאַנען — אַן אומהיימלעכן, אָבער פאָרט אַ גראַנדיעזן איינדרוק.

דאָס איז די מינוט צו דעצידירן ענדלעך און צו ענטפערן זיך אַליין אויף דער פראַגע, וועלכע איך האָב זיך שוין מער ווי איין מאָל געשטעלט: — דאַרף איך, יאָ אָדער ניין, וואַרפן אַן אויסגעשריי קעגן די הענקער, אַן אויסגעשריי, וואָס איז די איינציקע מעגלעכע פאָרם פון דער לעצטער אויפפאָדערונג? אויב יאָ, איז עס איצט דער מאָמענט אויסצואוויילן די געהעריקע ווערטער.

ווען איך האָב געטראַכט וועגן דעם אין דער תפיסה, האָט דער געדאַנק וועגן יענעם קלאַסישן זשעסט אַרויסגערופן ביי מיר מער פאַרדאַכט ווי באַגייסטערונג.

בעת אַן "אויפנאַמע" פון נייע לאַגעריסטן, האָט זיך אַ פריש־אָנגעקומענער העפטלינג "באַצאָלט" די דאָזיקע סאָרט פון אַרויסרוף. ביים אַריינגאַנג, וואו מען האָט רעווידירט די ניי־אָנגעקומענע, איז אים פאָרט געלונגען אויסבאַהאַלטן אונטער זיין צונג אַ קלייניקע צעלולאָזע־טרייבל, אָנגעפילט מיט ציאַנקאַלי. זיכער ביי זיך, מכוח דיספאָנירן מיטן דאָזיקן "רעזערוו־אַרויסגאַנג", האָט ער חוצפּהדיק פאַרלאָזט די רייען, געגעבן אַ שלינג דעם סם און, דערנענטערנדיק זיך צו די ס.ס.־לייט, אויסגעשריגן: — "נידער מיט היטלער!". איידער די ס.ס.־לייט האָבן באַוויזן אים צו כאַפּן, איז ער געפאַלן אַ טויטער. די אסקארן זענען דאַמאָלט געוואָרן באַאויפטראגט אויפצוהענגען דעם מת אויף דער תליה און שלאָגן אים אַ גאַנצע שעה מיט בייטשן. גלייכצייטיק, לשם רעפּרעסיעס, זענען געקומען אין באַוועגונג די בייטשן און די שאָסן געוועגדעט קעגן אַנדערע העפטלינגען. דער ספּעקטאַקל איז געווען נישט קיין "פּאָטאָגענישער" און נישט קיין דערהויבענער. אָנשטאָט אויפצוהייבן די מאָראַל פון די לעבן־געבליבענע, האָט ער גובר געווען בלויז זייער פאַרביטערונג און זייערע טענות. איצט, אין אָנבליק פון אַפּעל־פּלאַץ, שיינט מיר צו זיין אַבסורדאַל דער געדאַנק איינצושאַפן מיר דעם לוקסוס פון אַזאַ זשעסט, וואָס איז אויסגעלייזיקט פון יעדן זין. איז דען אָבער דער דאָזיקער באַשלוס מיינער אַ פּועל־יוצא פון פריי־דורכגעטראַכטע עלע־

מענטן, אָדער פֿאַרקערט: אינספּירירט בלויז דורך דער שוואַכקייט און דורך דער מידקייט לפֿנים דעם נישט־אויסמיידבאַרן סוף?

מיר קומען אָן צו פּרי. פֿאַרלאָזטע און פֿאַרגעסענע, מוזן מיר וואַרטן נעבן דעם פּרימיטיוון תּליה־געשטעל. היות דער לאַגער־קאָמענדאַנט איז נישטאָ, ווערט דער אַפּעל געפֿירט דורך איינעם צווישן די ס.ס.־ישע אונטער־אָפֿיצירן. ער גיט אַרויס די באַפֿעלן. זיינע חברים שלעפּן זיך דאָ און דאָרט און קאָנטראָלירן דאָס אויפֿפֿירן זיך פֿון די שקלאַפֿן.

אויף זיינע געשרייען לייג איך נישט קיין אַכט. זיינע באַפֿעלן זענען מיר שוין נישט נוגע. פּונקט אַזוי ווי זיינע באַלערנדיקע קאָמענטאַרן, וועלכע ער מאַכט אויף מיין חשבון. אַלס רעזולטאַט פֿון מיין נישט־אויפֿמערקזאַמקייט, וועט דער המשך, וועלכער וועט קומען, פֿאַרלירן אַ סך פֿון זיין צונויפֿבונד.

איז עס מעגלעך, אַז דער מוח זאָל זיין איבערפֿולט מיט זכרונות, מיט דערמאָנונגען, און — אין דער זעלבער צייט — אַן אויסגעליידיק־טער און פֿאַראַליזירט? דאָס טאַקע קומט פֿאָר ביי מיר: אַן אָנאויפֿ־הערלעכער געדראַנג פֿון בילדער, וועלכע באַוועגן זיך אין דער פּוסט־קייט פֿון חלל.

איך זע, ווי דער ס.ס.־מאַן דערנענטערט זיך אין מיין ריכטונג און ווי — גלייכצייטיק — צוויי אַנדערע שטעלן זיך אין דיסטאַנס פֿון עטלעכע מעטער. דערנאָך איז עפּעס אַ טומל אַרום מיר, עטלעכע גע־שרייען, וואָס זענען מסתּמא באַפֿעלן, אַן אָנהויב פֿון געלעכטער, וועלכער גיט זיך נישט אפֿילו די מי צו זיין אַן איבערגעטריבענער, אַ פֿאַר־פֿלאָנטערטע רייסעניש. און דאַן אַן אויסבליק, ניין — נישט פֿון דער תּליה, נאָר פֿון אַן עק פֿון שטריק, וועלכער פֿאַלט און שלעפּט זיך אויף דער ערד. איך פֿאַרשטיי נאָך, אַז איך פֿאַרליר יעטוועדן אָנשפּאַר, — אַן איינדרוק באַגלייט מיט ווערגן זיך — אַ גרויזאַמען און פֿאַרט אַ לע־כערלעכן, ווייל לעכערלעך־פֿאַראויסגעזעענעם, ווייל לעכערלעך־דערוואַר־

טעשן. און אַ פֿאַרנעפּלטער באַוואוסטזיין, אַז טאַקע דאָס איז שוין שליס־לעך — דער סוף.

האָב איך זיך, ווען דעם אַלעמען, אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון אין מאָמענט גופא פון מיין "ווידער־אויפלעבן", אָדער האָב איך עס רעקאָנס־טיטואירט ערשט שפּעטער, זוכנדיק אין מיין זכרון און מאַכנדיק קלאָר די דאָרט איינרעגיסטרירטע עלעמענטן, אַזוי ווי מען פלעגט אַנטוויקלען די בילדער, וועלכע מען האָט פריער מעכאַניש אָנגעזאַמלט אויף אַ פאָטאָ־גראַפישן באַנד?

אַפילו אין דער דאָזיקער רעקאָנסטרוקציע, רעדוצירט זיך די גאַנצע סצענע צו ווייניקע פּרטים: מיין פּלוצימדיק דערוועקן זיך אויף דער ערד... אַ געפיל פון פאַרטומלטקייט. אַ שאָס, וועלכער פאַלט נאָענט, כמעט ביי מיינע פיס. דער באַפעל: "האו אַב!" (טראָג זיך אָפּ!). און מיין ווילדער געלויף אין דער ריכטונג פון העפטלינגען, אויסגעשטעלטע נאָך תמיד אויפן פּלאַץ, אין גלייכע רייען.

שפּעטער וועלן מיר מיינע חברים באַריכטן פאָלגנדעס: אין מאָ־מענט, ווען איך האָב זיך געפונען שוין אין דער לופט, האָט זיך דער שטריק איבערגעריסן. איך בין געפאַלן אויף דער ערד. כדי מיך עלע־גאַנט אויפוועקן, האָט דאַמאָלט דער ס. ס.־מאַן אויסגעשאָסן, אָבער נישט אין מיר גופא. דערנאָך האָט ער געגעבן דעם באַפעל: "האו אַב!".

דער דאָזיקער אויסרוף פלעגט ביי יעדן העפטלינג אַרויסרופן אַ רע־אַקציע, וואָס די פּסיכאָלאָגן דעפינירן אַלס אַ "באַדינגטן רעפלעקס": לאָזן זיך אין לויף. וואָרום אַ לאַגעריסט, וועלכער האָט עס זאָפאָרט נישט געטון, פלעגט ווערן דערהרגעט אונטערן פּרעטעקסט, אַז ער איז "אומפעאיק צו דער אַרבעט", אַ קריפּל. יענעם "קאָנדיציאָנעלן רעפלעקס" האָב איך מסתמא צו פאַרדאַנקען, וואָס טראָץ מיין צושטאַנד פון האַלב־

באַוואָוסטזיין, האָב איך גענומען לויפן אין דער ריכטונג פון די געצוואונ־גענע צושויער.

די העפטלינגען פון דער ערשטער ריי האָבן זיך אויף אַ רגע דער־וויטערט איינער פון דעם אַנדערן, מאַכנדיק אַזוי אַרום אַ שפּאַרע, כדי מיר צו דערמעגלעכן אַריינדרינגען הינטער זיי, באַלד דערנאָך האָבן זיי זיך ווידער צונויפגערוקט און, שליסנדיק די ריי, צוריקגעבויט זייער קאָרעקטע פּאָזיציע.

אין די רייען בין איך אָבער געווען אַן איבעריקער, אַן "איבער־פלוס". עמעצער האָט דאַמאָלט געהאַט די גליקלעכע איניציאַטיוו מיך איבערגעבן אין די הענט פון דער נאָענטסטער גרופּע. די לעצטע האָט מיך דערלאַנגט זייערע שכנים. אויף דעם אופן האָב איך סוף כל סוף זיך געפונען אין מיטן פון דער בריגאַדע, צו וועלכער איך האָב געהערט. דאַ, האָבן מיינע פריינד גענומען פּראָוויזאָריש צו באַנדאַזשירן מיינע וואונדן.

אַ גענויערע דיאַגנאָזע האָט מען געמאַכט דריי שעה שפּעטער, אין אַ קעלער, וואָס האָט זיך געפונען אונטער די קאַרטאָנאַזש־וואַרשטאַטן אין ד. א. וו. (דויטשע אויסריסטונג־ווערקע). אַ חוץ אַלע אַנדערע באַשע־דיקונגען, האָב איך געהאַט בלוט־וואונדן אויף ביידע פיס. די קויל, וועל־כע דער ס. ס.־מאַן האָט אויסגעשאָסן, כדי מיך "אויפוועקן", איז געפאַלן אין אַ שטיין און זיך פון אים אָפּגעשלאָגן. די שפּליטערס האָבן מיך דער־גרייכט פון ביידע זייטן. הגם נישט קיין טיפע, זענען די וואונדן געווען גרויס און פאַרשמוצט. דער דאָקטאָר באָריס פּליסקין, — אין דער תקופה פון דער "רייניקונגס־בריגאַדע" — אַ געוועזענער אָנטיילנעמער אין אונדזערע געהיימע ליטעראַרישע "אָוונטן" [1], האָט זיי געהיילט אין גרעסטן סוד. די קוראַציע איז געווען אַ לאַנגע און סוף כל סוף האָט זי איבערגעלאָזט צוויי אימפּאָזאַנטע שפּורן: אויף יעדן פוס — איינע. אויב

1) זע מיין "ליטעראַטור אין לאַגער".

איינע פון זיי איז אַ סך ברייטער פון דער אַנדערער, איז עס דערפאַר, ווייל זי געפינט זיך אַרומגערינגלט מיט אַן אָפּדרוק פון אַ ס.ס.־ישן שטיוול: אַן אָנדענק פון דעם "וויכּוח", וואָס איז פאָרגעקומען אין סאַמען פּראָלאָג פון דער מעשׂה.

איז מיין אָפּרייסן זיך פון דער תּליה געווען אַ צופאַל?

צו פיל פּערזאָנען, מיטן אויבער־קאַפּאָ בראש, האָבן געמאָנט אַנער־קענען זייער פאַרדינסט, כּדי מען זאָל זיין אימשטאַנד געגוי פעסטצו־שטעלן זייער קאָנקרעטן אַנטייל אין דעם פאַרלויף פונעם פאַל.

בעת איך בין געזעסן אין דער תּפיסה, האָבן עטלעכע פון מיינע פריינד, באַשעפטיקט אין "טעכנישן ביוראָ", געטון אַלץ, כּדי איבער־צייגן דעם אויבער־קאַפּאָ, ער זאָל "אָרגאַניזירן" עפּעס צוועקמעסיקס און איינשטילן דעם ס.ס.־מאַן. לויטן אויבער־קאַפּאָ און זיינע אַסיס־טענטן, איז דער באַשריבענער אינצידענט פאָרגעקומען נישט צוליבן איבעררייסן זיך פונעם שטריק, נאָר צוליבן נאָכלאָזן פון דער פּעטליע. לויט דער זעלבער ווערסיע, האָבן דאָס טאַקע זיי, דער אויבער־קאַפּאָ און זיינע לאַגער־פּאָליציסטן בכּוונה דערלאַנגט אַ שטריק מיט אַ קוים־צונויפגעבונדענער פּעטליע.

נאָכדעם ווי איך בין "אויפגעוועקט געוואָרן", ווען איך האָב באַקומען דעם באַפעל "אַבצוהאַון" און דערגרייכט די העפטלינגס־רייען, אויסגע־שטעלטע אויפן אַפּעל־פּלאַץ, האָט דער ס.ס.־מאַן מודיע געווען די סיבות פון זיין גרויסהאַרציקן באַשלוס: "דער אוראַלטער גערמאַנישער מנהג — האָט ער געזאָגט — הייסט צו באַגנעדיקן דעם פאַרברעכער, אויב ער רייסט זיך אָפּ פון שטריק".

אין דער ווירקלעכקייט איז שווין אין לאַגער נישט איין מאָל פאָר־געקומען, אַז דעם זעלבן מענטשן האָט מען געהאָנגען עטלעכע מאָל נאָכ־אַנאַנד און די אידעלע גערמאַנישע טראַדיציע איז נאָך קיינמאָל נישט

געקומען צום אויסדרוק. וואָס מער: אין אַלע יענע פּאַלן זענען די „אינצידענטן" פון „אָפּרייסן זיך" געווען נישט מער ווי כלומרשטע: צו־געגרייט דורך די ס.ס.־לייט גופא, מיטן ציל צו מאַכן אינטערעסאַנטער די עפעקטן און פאַרלענגערן דעם ספּעקטאַקל.

נאָך נישט דאָ ענדיקט זיך אָבער די מעשה.

לויט די אומרחמנותדיקע, נישט־געשריבענע לאַגער־געזעצן, האָט אַ העפטלינג, וואָס איז איין מאָל צעשלאָגן געוואָרן, שוין כמעט אויטאָ־מאַטיש צוגעצויגן די כסדרדיקע קלעפּ; איין מאָל באַשטימט צום טויט, האָט ער שוין שפּעטער אַרויסגערופן, ביי די ס.ס.־לייט, די נייגונג צו דערמאָרדן אים. געבליבן לעבן נאָך דעם אויבן־באַשריבענעם פּאַל, האָב איך דעריבער געדאַרפט אויפמערקזאַם זיך צו היטן פאַר יעדער באַגעגעניש מיט מיין „בעל־טובה", אויסצומיידן אים פאַר יעדן פּרייז.

איינעם אַן אָוונט, ווען מאַרשירנדיק צוריק פון ד. א. וו. אין אינער־לעכן לאַגער אַריין, איז די בריגאַדע פון קאַרטאָגאַזש־אַרבעטער (צו וועלכע איך האָב דאַמאָלט געהערט), איינגעהאַלטן און איינגעשפּאַנט גע־וואָרן צו טראָגן ציגל, האָט דווקא „מיין" ס.ס.־מאַן אָנגעפירט מיט דער מלאכה.

די שווערע האָרעוואַניע איז, ווי געוויינלעך, אויך דאָס מאָל „אַקצענ־טירט" געוואָרן דורך דעם אַראָפּלאָזן זיך פון דעם צעיושעטן ס.ס.־מאַנישן בייטש.

יעדעס מאָל, ווען איך האָב געדאַרפט נעמען אַ נייע פּאַרציע ציגל, האָב איך פּראָבירט אויסדרייען דאָס פּנים, כדי ער זאָל מיך נישט דער־קענען. „מיין" ס.ס.־מאַן האָט מיך פונדעסטוועגן פּאָרט באַמערקט. ער האָט מיר געגעבן אַ ווינק זיך צו דערנעענטערן. לייגן מיין פּאַרציע ציגל אויף דער ערד און מיך צו זעצן.

בשעת איך האָב זיך שוין צוגעגרייט אויף דאָס ערגסטע, האָט ער

מיך מכבד געווען מיט אַ ציגאַרעט, מיר דערלאַנגט פּייער און אויסגע־פרעגט "ווי עס גייט מיר". זיין שטימע איז געווען אַ רואיקע, אַ "פאַמי־ליערע". פון צייט צו צייט האָט ער געגעבן מיט כעס אַ געשריי אויפן אַדרעס פון מיינע חברים אָדער דערלאַנגט אַ קלאַפּ מיטן בייטש דעם אָדער אַן אַנדערן לאַגעריסט. ווי נאָר ער האָט זיך געווענדעט צו מיר, איז אָבער זיין טאָן געוואָרן צוריק אַ פריינדלעכער. יעדעס מאָל, ווען מאַכנ־דיק אַן אָנשטעל פון "פּלייסיקייט", האָב איך געוואָלט נעמען זיך צו דער מי, האָט ער מיך איינגעהאַלטן: — "זאָלן אַנדערע אַרבעטן; דו קענסט דיך אָפּרוען" — האָט ער מיר געזאָגט. ווען די בריגאַדע האָט פאַרענדיקט איר אויפגאַבע, האָט ער מיר געגעבן אַ האַרציקן, גוט־ברודערישן קלאַפּ אין אַקסל און, געזעגנענדיק זיך מיט מיר, מיר גע־ווונטשן אַלדאָס גוטס.

ווי ער איז נאָר אַוועק, האָבן מיך עטלעכע חברים אַרומגערינגלט, פאַראינטריגירט און דערשטוינט: — "דו האָסט בלי ספק געוואונען זיין סימפּאַטיע" — האָט געזאָגט מיט געלעכטער איינער פון זיי. אַן אַנדערער האָט צוגעוואָרפן: — "און פאַר אַזאַ ביליקן פּרייז!".

נאָך פּאַראַדאָקסאַלער און אין דער זעלבער צייט דעצידירנדיק איז געווען דער המשך, וואָס מיין עקזעקוציע האָט באַקומען אין אַן אַנדערער ריכטונג:

איינעם אַן אָוונט האָט מיך אָפּגעזוכט דער בריגאַדיער פון אַ העפט־לינג־גרופּע באַשעפטיקט אין דער שטאָט, אין אַ מעבל־פאַבריק: — מיינע פריינט פון קראָקע ווילן זיך פאַרשטענדיקן מיט מיר. זייער פאַר־בינדלער קען מיך אָפּוואַרטן אין דער דערמאָנטער פאַבריק. ס'איז דע־ריבער נייטיק, איך זאָל פאַר יעדן פּרייז אויסטראַכטן אַ פּאָרטל און באַווייזן אַרויסגיין אין דער שטאָט מיט דער בריגאַדע פון מעבל־אַרבעטער.

אום צו געווינען מיין צוטרוי, האָט דער קראָקעווער פאַרבינדלער באַזאָרגט דעם אויבן־דערמאנטן בריגאַדיער מיט אַ קליינער פאָטאָגראַ־

פּיע. ער ווייזט זי מיר איצט אין דעם בין השמשות פון באַראַק. אויפן בילד זע איך אַ יונגע און הויכע פרוי, אין געבערג, אויף נאַרטן. די פאָטאָגראַפיע איז אַ פאַרנעפּלטע, נישט קיין קלאָרע. מען קען נישט דערקענען די שטריכן, אָבער די סילועטקע פון דער פרוי איז מיר פאָרט קענטיק. אַפילו היימיש: ס'איז די טייערע מאַריאַנסקאַ...[1].

וויאַזוי, נאָך פיר יאָר פון מיין אָפּוועזנהייט אין קראָקע, האָבן דאָרט מיינע פריינד געגומען די דאָזיקע איניציאַטיוו?

וועגן דעם האָב איך זיך דערוואוסט בלויז אַ סך שפּעטער:

אינפאָרמירט וועגן מיין אַרעסט און שפּעטער וועגן מיין אַריינפאַלן אין לאַגער, האָט מיין האַרציקער, פּוילישער פריינד אַדאַם ריסיעוויטש[2] זיך באַמיט אָנקניפּן אַ קאָנטאַקט מיט מיר. די פאַרבינדלער, געשיקט פון קראָקע קיין לעמבערג, האָבן פּראָבירט זיך דערנענטערן צו די העפטלינג־בריגאַדעס, וועלכע פלעגן אַרויסגיין אין דער שטאָט. ענדלעך האָבן זיי זיך דערוואוסט, אַז איך בין דערשאָסן געוואָרן[3]. מיינע פריינד האָבן דאַן געקענט בלויז נעמען עס צו קענטעניש.

און אָט איז די ידיעה וועגן מיין טויט דעמענטירט געוואָרן דווקא אין טאָג פון דער "נישט־געלונגענער" עקזעקוציע: ווען די "מעבל־בריגאַדע" איז אָנגעקומען אין זייער פאַבריק, האָבן עטלעכע לאַגעריסטן גענומען דערציילן צווישן זיך די פּרטים פון דעם נאָר־וואָס פאָרגעקו־

1) אַ שרייבערין. לעבנדיק אויף „אַרישע פּאַפּירן", איז זי געווען אַ געוואגטע טוערין פון דעם געהיימען „ראַט פון הילף פאַר יידן". איצטער אין ישראל.

2) בעת דער אָקופּאַציע איז ער געווען דער סעקרעטאַר פון קראָקווער דעפּאַרטאַמענט אין דער געהיימער „פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי". געפאַלן דעם 28־טן יוני 1944, אין קאַמף, מיט געווער אין דער האַנט, בעת אַן עקספּעדיציע, פאַרבונדן מיט דעם נישט־געלונגענעם פּלאַן, לויט וועלכן אונדזער בשותּפותדיקער פריינד יוזעף ציראַנקיעוויטש (דער איצטיקער פּרעמיער־מיניסטער פון פּוילן) האָט געזאָלט אַנטלויפן פון דעם אוישוויצער לאַגער.

3) אַ טעות אַנטשטאַנען מסתמא נאָך דער שחיטה פון דער „רייניקונגס־בריגאַדע", צו וועלכער איך האָב דעמאָלט געהערט (זע מיין „אוניווערזיטעט פאַר תלינים").

מענעם פאַל. דערהערנדיק מיין נאָמען, האָט זיך דער קאָמיוואָיאַזשער פון דער פירמע — פּיאָטראָווסקי[1] דערנענטערט צו דער גרופּע. שפּעטער האָט ער צוּאוויסן געטון וועגן דעם פאַל די געהיימע קעמערלעך אין קראָקע און, אַזוי אַרום, האָט ער "רעאַקטיווירט" דעם ענין.

די ידיעה, וועלכע איך האָב באַקומען, האָט זאָפאָרט גובר געווען אַן איבערקערעניש אין מיין סיטואַציע. דווקא אין אַ פּעריאָד, ווען — צוליב דעם נאָך פרישן פּאָרפּאַל — וואָלט איך געדאַרפט אויסמיידן יעדן ריזיקאַלישן שריט, האָב איך צוגעגרייט און דורכגעפירט די "אויספלוגן" אין דער שטאָט, פאַרבונדענע מיט די גרעסטע סכנות[2].

פונדעסטוועגן דער פאַקט בלייבט: נאָר און אויסשליסלעך אַ דאַנק דעם דאָזיקן נייעם קאָנטאַקט, האָב איך באַוויזן אָרגאַניזירן מיין אייגענע אַנטלויפונג און העלפן ביים ראַטעווען נאָך אַנדערע העפטלינגען. היות די אַלע, וואָס זענען געבליבן אין לאַגער, זענען אומגעקומען, באַקומט זיך, אַז: סיי די אַנדערע ניצול־געוואָרענע און סיי איך אַליין, פאַר־דאַנקען מיר אין סך־הכל אונדזער לעבן... דעם ס. ס.־מאַן, וועלכער האָט פאַראָרדנט מיין עקזעקוציע.

---

1) לעבנדיק אויף „אַרישע פּאַפּירן" האָט ער אָנטיילגענומען אין דער אונטער־ערדישער אַרבעט און, אויסנוצנדיק זיין (אגב: בלויז טעאָרעטישע) שטעלע פון אַ קאָמיוואָיאַזשער, געקענט „צירקולירן" צווישן קראָקע און לעמבערג. איצט אין ישראל.

2) זע דעם קאַפּיטל „קאָנטאַקטן" אין מיין „ליטעראַטור אין לאַגער".

ד״ר מיכאל באָרוויטש אַלס יידישער עקספּערט, פאַרן העכסטן פוילישן
טריבונאַל, בעת דעם פּראָצעס פון פעלקער־מערדער א. ל. געטה.

צוואַנציק יאָר שפּעטער

די בריוו, וועלכע קומען אָן פון אַן אויספאָרשונגס־ריכטער — וועט איר מיר זאָגן — האָבן בטבע נישט אַרויסגערופן, ביי זייערע אַדרעסאַטן, דעם געפיל פון היימישקייט? דערלויבט מיר אַרויסצופירן איך פון אַ טעות. אָט איז דאָס קעפּל פון אַ שרייבן, וואָס איז מיר אָנגעקומען אומגעריכט פון דייטשלאַנד קיין פּאַריז אין איינעם אַ פּרימאָרגן פונעם יאָר 1963: לאַנדגעריכט. דער אונטערזוכונגסריכטער.

אין דעם קאָנווערט, בייגעלייגט צום בריוו, געפין איך אַ בויגן באַדעקט בלויז מיט נעמען. ווי נאָר איך האָב געוואָרפן מיין בליק אויף די לעצטע, האָבן זיי תיכף ביי מיר אויפגעוועקט אַן אינטענסיוון געפיל פון היימישקייט. די ליסטע נעמט אַרום פערציק נעמען־פּאָזיציעס. אַ חוץ אַ ריי אָרטיקע ״גראָבע קאַרפּן״ פון יענעם פעריאָד, (מיטגלידער פון ס.ס.־ישן שטאַב פאַר דער שטאָט לעמבערג און איר אומגעבונג) פיגורירט אויפן דערמאָנטן בויגן אַ גרויסע צאָל מיינע דירעקטע הערשער פון דעם אַזוי־גערופענעם יאַנעווער־לאַגער אין לעמבערג.

דער אופן, וויאַזוי איך האָב זיך באַקענט מיט זיי און פּאַרטיפּט די באַקאַנטשאַפט, איז געווען אַ קאָשמאַרפולער, וואָס רופט אַרויס אַ

ציטער? איר זענט גערעכט און כ׳בין מיט אייך אין דער הינזיכט פול־שטענדיק מסכים. ווי ס׳זאָל נישט זיין, האַנדלט זיך איצט אָבער פאַרט אין אַן אָנזאָג פון אַ באַגעגעניש מיט פערזאָנען, מיט וועלכע איך בין אַמאָל געווען אין ביז גאָר ״הייסע באַציאונגען״. וועגן אַ באַגעגעניש, אויף וועלכן איך האָב זיך שוין נישט גערעכט. דערצו: מיט אַזעלכע, וועלכע האָבן זיך אַריינגעקריצט אין מיין זכרון שוין אויף תמיד.

פאַרשוואונדן זינט דעם סוף פון דער מלחמה, זענען די דאָזיקע ס.ס.־לייט לעצטנס סוף כל סוף אַנטדעקט געוואָרן. קורץ גערעדט — אַרעסטירט. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט, האָט דער דייטשער ריכטער, ה. בישאָף, זיך געוואָנדן צו מיר — אין דעם אויבן־דערמאָנטן בריוו — איך זאָל קומען קיין שטוטגאַרט, אַלס עדות.

אַ פשוטע פעסטשטעלונג פאַלט מיר איין: די אויפטועןן פון די געגעבענע ס.ס.־לייט האָבן דערגרייכט זייער הויך־פונקט אין לויף פון יאָר 1943; איצטער זענען מיר אין 1963. אַנדערש געזאָגט: אונדזער ״אָפזוכן זיך״ קומט זיך צונויף צום צוואַנציקסטן יאָרטאָג פון זייערע אַמאָליקע ״טעטיקייטן״. אַזאַ צייט־אָפשניט ווערט כמעט אַ סימ־באָלישע.

***

אָנגעקומען קיין שטוטגאַרט אַרום דריי אַזייגער נאָכמיטיק, לאָז איך איבער מיין וואַליזקעלע אין דעם באַגאַזש־מאַגאַזין אויפן וואָקזאַל גופא, כדי זיך לאָזן גיין צו דער ביוראָ פון דעם אויספאָרשונגס־ריכטער. וואָרשיינלעך איז עס נישט ווייט פון באַנהאָף: — ״צען ביז פופצן מינוט צו פוס״ — אינפאָרמירן מיך די דורכגייער, ביי וועלכע איך פרעג זיך אויס, וואו ס׳געפינט זיך די אורבאַנשטראַסע. איך לאָז הינ־טער זיך אַ שטאָטישן גאָרטן און — שפּעטער — עפּעס אַ פּלאַץ, דעם מוזיי און דעם טעאַטער. באַלד דערנאָך שטיי איך שוין פאַר דעם גע־זוכטן בנין.

די ערשטע באַגעגעניש באַגרענעצט זיך צו אַ געשפּרעך מיטן אויספאָרשונגס־ריכטער ה. בישאָף. לעת עתה וויל ער ״לאָקאַליזירן״ מײַנע פּערזענלעכע לאַגער־דערפאַרונגען אין שייכות מיט די באַטרעפנדע באַשולדיקטע. ער ״צייגט״ מיר זייערע פאָטאָגראַפיעס. היות די לעצטע שטאַמען פון דער תקופה, אין וועלכער איך האָב ״קאָ־עקזיסטירט״ מיט זיי, דערקען איך יעדערן אָן קיין שום שוועריקייט. שפּעטער שטעלן מיר זיך אָפּ ביי יעדן נאָמען באַזונדער. נאָכן ענדיקן די ״איבערזיכט״, באַשליסן מיר אָנצוהויבן די נאָענטסטע פאַרהערעניש צומאָרגנס אין דער פרי.

האָבנדיק פאַרלאָזט דאָס ביוראָ פון אויספאָרשונגס־ריכטער, מיש איך זיך צוזאַמען מיט דעם געדיכטן שטראָם פון דורכגייער. איך וואַנדער איבער דער שטאָט דורך צופעליק־אויסגעקליבענע גאַסן און איך קלער וועגן דער פראַגע, וועלכע דער ריכטער האָט מיר געשטעלט אין מאָמענט, ווען איך האָב זיך שוין מיט אים געזעגנט:

— וואָלט איר דעמאָלט געקענט האָפן, וואָלט איר דעמאָלט געגלייבט, אַז איר וועט זיי נאָך זען, — אָבער געמשפּטע פאַר זייערע פאַרברעכנס?

היות דאָס מאָל, אין שייכות מיט ״מײַנע״ פּערזענלעכע ס. ס.־לייט, וויל איך זיין בלויז און אויסשליסלעך אַן עדות, האָב איך נישט געהאַט קיין חשק און נישט קיין באַדערפעניש צו אינפאָרמירן דעם ריכטער איבער אַ פרט, וועגן וועלכן איך דאַרף יאָ אינפאָרמירן מײַנע לייענער:

ס׳איז לגמרי נישט דאָס ערשטע מאָל, ווען עס קומט מיר אויס צו באַגייען מיין באַקאַנטשאַפט מיט די ס. ס.־ישע הענקער, — אין גערנדערטע ראָלן. באַלד נאָך דער מלחמה, אַלס דירעקטאָר פון דער ידישער היסטאָרישער קאָמיסיע אין קראָקע, בין איך געווען באַשטעטיקט ווי אַן עקספּערט פאַר דעם העכסטן פּוילישן נאַציאָנאַלן טריבונאַל, צו משפּטן די באַדייטנדסטע דייטשע קריגס־פאַרברעכער.

אַט איז איינער פון די ערשטע צווישן זיי: אַמאָן לעאָפּאָלד געט, דער געוועזענער גרינדער און קאָמענדאַנט פון דעם קאָנצענטראַציע־לאַגער אין פּלאַשאָוו, נעבן קראָקע, באַשולדיקט אַלס אַ פירנדער אָנטייל־נעמער אין אומברענגען 30.000 מענטשן. זיין פּראָצעס איז פאָרגעקומען אין קראָקע, אין יאָר 1946. די על פּי נס איבערגעבליבענע עדות האָבן זיך געשטעלט — איינער נאָכן אַנדערן — פאַר דעם ריכטער־טיש. די צאָלרייכע זשורנאַליסטן, דער עולם, וואָס האָט זיך געשטופּט אויף דער גאַלעריע, רעזערווירט פאַרן פּובליקום און די הונדערטער מענטשן, פאַרזאַמלט אויף דער גאַס, נעבן די מעגאָפאָנען, האָבן נאָכגעפאָלגט דעם פאַרלויף פון פּראָצעס מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם. דער באַשולדיקטער (הגם אין דער צייט פון זיין הערשאַפט פלעגט ער באַגלייטן די "אויס־פאָרשונגען", געפירט דורך אים גופא, מיט די בלוטיקסטע רציחות און טאָרטורן) האָט שוין אָבער — אין צווישנצייט — באַנומען און באַהערשט אַלע פּריווילעגיעס, וועלכע ווערן אים געשענקט. בעת זיין פּראָצעס האָט געט נאָכגעפאָלגט יעדעס וואָרט, מיט אַ בלייער אין דער האַנט. יעדעס מאָל, ווען ער האָט נישט דערהערט די איבערזעצונג פון עפּעס אַ וואָרט אין די עדות־דערקלערונגען, האָט ער געפאָדערט, מען זאָל עס אים איבערחזרן. ער האָט געשטעלט פראַגן, האָט קאָמענטירט. ער האָט געמאַכט הכחשות און אָפּגעלייקנט.

אין טאָג פון זיין "לעצטן וואָרט", האָט — ביי די צוהערער — די שפּאַנונג זיך שוין פאַרוואַנדלט אין אַ מין פּאַראָקסיזם:

— וועט ער דען זאָגן כאָטש איין זאַץ וועגן דעם עצם פון זיינע פאַרברעכנס?

אַמאָן לעאָפּאָלד געט האָט זיך אויפגעהויבן און ער האָט געזאָגט מער ווייניקער פאָלגנדיקס:

— עס איז זעלבסטפערשטענדליך, אַז — אין קעגנזאַץ צו דעם, וואָס עס האָבן פּרעטענדירט די עדות — זענען די לאַטרינעס אין "זיין" לאַגער געווען באַזונדערע פאַר מענער און באַזונדערע פאַר פרויען.

וואָס שייך דעם פאַקט, אַז ער און די ס. ס.־לייט, מיט וועלכע ער האָט אָנגעפירט, פלעגן שיסן צו די העפטלינגען? — דאָס איז נישט פאָרגעקומען אָן קיין סיבה: די מענטשן, באַשטימט פאַר די "טראַנספּאָרטן", זענען נישט געווען דיסציפּלינירט; אַזוי ווייט, אַז נישט איין מאָל האָט מען געדאַרפט צוויי, דריי און אפילו פיר מאָל פאַררעכטן די זעלבע רייען. אַנדערע פאַרברעכנס? די אָנווייזונגען האָט ער באַקומען פון דרויסן, מצד זיינע "באַפעלסהאַבער". ער, אַמאָן לעאָפּאָלד געט, פלעגט טויטן פלוצים, אומגעריכט, אָבער לחלוטין נישט בלינדערהייט. נאָר די עדות האָבן נישט געקענט וויסן, פאַרוואָס האָט ער עס געטאָן[1].

שפּעטער איז פאָרגעקומען, אין וואַרשע, דער פּראָצעס פון רודאָלף העס, דעם קאָמענדאַנט פונעם אוישוויצער לאַגער און פון זיינע אַדיוּ־טאַנטן. דער "תיקון טעות", די הכחשה, וואָס דער הויפּט־באַשולדיקטער האָט געמאַכט בעת די דעבאַטן, איז געוואָרן טרויעריק באַרימט:

— ס'איז נישט אמת — האָט ער געזאָגט — אַז די צאָל פון קרבנות (וועלכע זענען געוואָרן אומגעבראַכט אונטער זיין לייטונג) האָט דער־גרייכט איבער דריי מיליאָן מענטשן: אין סך־הכל האָט ער און זיינע ס. ס.־לייט אויסגעמאָרדעט נישט מער ווי צוויי און אַ האַלב מיליאָן פּערזאָנען.

אַזוי איז עס געווען אין יענער ווייטער תקופה באַלד נאָך דער מלחמה. זינט דעמאָלט, האָט פונדעסטוועגן די וועלט דורכגעמאַכט אַ גרויסע עוואָלוציע. עס האָבן זי דורכגעמאַכט אויך די ריכטער אין זייער איינשטעלונג לגבי די אייערנעכטיקע מערדער און אַלס פּועל־יוצא דער־פון — אויך די יעניקע מערדער, וואָס מען האָט זיי אַרעסטירט צו שפּעט. די יורידישע "דיאַלעקטיק" באַווייזט דאָ לויטער נסים.

---

1. דער גענויער, סטענאָגראַפישער באַריכט פון יענעם פּראָצעס איז דער־שינען (אין פאַרלאַג פון דער יידישער היסטאָרישער קאָמיסיע אין פּוילן, אין יאָר 1947). אַ גרויסער באַנד (איבער 500 דרוק־זייטן) אונטער דעם טיטל: „פּראָצעס לודאָבויצי א. ל. געטא" (דער פּראָצעס פון דעם פעלקער־מערדער א. ל. געט). דער פולער טעקסט פון מיין עקספּערטיז־רעדע, די פראַגן, וועלכע איך האָב געשטעלט דעם באַשולדיקטן און זיינע ענטפערס — אויף די זייטן 338 — 369.

איך טראַכט צוו. אַנד. וועגן יענעם ס.ס.־מאַן, וועלכער האָט מיך אויפגעהאָנגען. אין ליכט פון „אָביעקטיווער" יוריספּרודענץ, וועל איך איצטער זיין מסתמא פּאַר אים בלויז אַן אַנטשולדיקונגס־עדות. ער וועט זאָגן, אַז דאָס אויפהענגען מיך איז אים באַפוילן געוואָרן דורכן לאַגער־פירער. וואָס שייך אים גופא, וועט ער איצטער איינהאַלטן בלויז דעם פאַרדינסט פון באַגנעדיקן מיך... נאָכדעם ווי דער שטריק האָט זיך איבערגעריסן. ער וועט זאָגן, אַז ער האָט מיך באַגנעדיקט פון זיין איי־גענער איניציאַטיוו און אַז דערמיט האָט ער שרעקלעך ריזיקירט, איינשטעלנדיק זיין אייגן לעבן.

על פּי צופאַל האָב איך ביי מיר אַ פּראַנצויזישן וואָכן־זשורנאַל, מיט אַ באַריכט פון דעם פאַרגעקומענעם פּראָצעס פון מאַרטין פעלענץ. דער לעצטער האָט געענטפערט פאַר אַ דייטשן טריבונאַל, זייענדיק באַשולדיקט אַלס מיט־אָנטיילנעמער אין דער אויסראָטונג פון 40.000 נפשות; די דייטשע באַהערדן האָבן אַנטדעקט, אַז דער דאָזיקער לייטער פון אַ זינגער־כאָר אין דעם קליינעם שטעטל שלעסוויג (נאָענט צו דער דענישער גרענעץ), „איינער פון די אָממייסטן רעספּעקטירטע גבאים פון דעם זעלבן שלעסוויג, אַ מוניציפּאַל־ראַטלער מצד דער ליבעראַלער פּאַרטיי, אַ פאַרברענטער וואָרט־זאָגער און פּאַרטיידיקער פון דער „איי־ראָפּעאישער פאַראייניקונג", איז — אין דער צייט פון דער היטלער־אָקופּאַציע אין פוילן — געווען, נישט מער און נישט ווייניקער, ווי דער שטאַבס־פירער פון ס.ס. אין קראָקע. בעת זיין פּראָצעס, האָט דער באַריכטלער געזען, ווי די זעלטענע ניצול־געוואָרענע, געקומענע אָפּצו־געבן זייערע דערקלערונגען קעגן פעלענצן, האָבן — הערנדיק בלויז זיין נאָמען — אויסגעבראָכן מיט אַ געוויין. בעת דער טריבונאַל האָט זיי אויסגעהערט, האָט פעלענץ געמאַכט נאָטיצן, ווי אַ סאָלידער סוחר, וועלכער פאַרשרייבט די באַשטעלונגען.

וועגן אַרעסטירן אים, האָבן זיך די באַוואוינער פון שלעסוויג דער־וואוסט מיט דער גרעסטער דערשטוינונג: „ער האָט זיך אינטערעסירט הויפּטזעכלעך מיט מוזיק". ער האָט זיך פאַרנומען מיטן שלעסוויגער

זינגער־כאָר און, אין משך פון צען יאָר, האָט ער באַוויזן דערהויבן אים צו דער מדרגה פון די בעסטע אין גאַנץ דייטשלאַנד. אַלס אַ גוטער איינאַפּעטער איז פעלענץ געווען איינער צווישן די רעפּרעזענטאַנטן פון שלעסוויג, דעלעגירט אין יאָר 1958, קיין מאַנט, ביי דער געלעגנהייט פון ״משדך״ זיין די דאָזיקע צוויי שטעט, און צוויי יאָר שפּעטער קיין לאָנדאָן, מכוח דעם שלעסוויגס־״שידוך״ מיט דער פאָרשטאָט הייעס. ער איז אפילו איינגעלאַדן געוואָרן אויף אַן אָוונטברויט אין דעם ענגלישן פּאַרלאַמענט. ווען ער איז צוריקגעקומען פון לאָנדאָן, האָט שוין אָבער די פּאָליצײַ געוואַרט אויף אים, ווייל אַן אַנדערער ס.ס.־מאַן האָט אַרויסגעגעבן דעם סוד פון זיינע אַקטיוויטעטן אין קראָקע. פונדעסט־וועגן: ״כמעט אַלע דאָקומענטן, וועלכע וואָלטן געקענט דינען דער אויספאָרשונג, זענען פאַרשוואונדן געוואָרן. ס׳איז שווער געווען געננוי פעסטצושטעלן אפילו די פולמאַכטן פון פעלענצן, ווייל ער איז דער איינציקער לעבן־געבליבענער צווישן די שטאַבספּירער אין אָקופּירטן פּוילן״ (אַנדערע זענען אָדער געשטאָרבן אָדער זיי זענען ערגעצוואו פאַרשטעקט). אפילו די עדות־דערקלערונגען פון די זעלטענע ניצול־געוואָרענע יידן זענען נישט געווען פּרעציז. פאַראַדאָקסאַל־מעסיק האָט דער פּראָקוראָר אָפּט דערביי אַרויסגעוויזן אַ מין פאַרגעניגן צו קענען פאַרטומלען די עדות.

״אָט, וואָס עס הייסט די אַזוי־גערופענע אָביעקטיוויטעט״ — האָב איך געטראַכט: צוליב דעם מאַנגל פון פּרעציזע דאָקומענטן, זענען מסתמא די גוט־האַרציקע ריכטער פון פעלענצן געווען גענייגט צו גלויבן, אַז די אויפגאַבע פון ס.ס.־ישן שטאַבספּירער איז באַשטאַנען אין פלאַנצן אוגערקעס, אין באַגיסן רויזן מיט וואַסער און אין פלעכטן בלומען־קראַנצן.

אויך אַצינד, דאָ, אין שטוטגאַרט, אין דער גרופּע פון ס.ס.־לייט, באַשולדיקטע פאַר זייערע טעטיקייטן אין לעמבערג, האָבן די אַמאָליקע שטאַב־מיטגלידער און אַנדערע ס.ס.־ישע דיגניטאַרן די גרעסטע שאַנסן זיך ביליק אַרויסצודרייען. טראָצדעם וואָס זייערע געוויסנס זענען באַ־

שמוצט מיט פֿאַרברעכנס, דווקא קעגן זיי קענען פֿעלן דירעקטע עדות, אָדער די דערקלערונגען קענען זיך באַווייזן נישט גענוג פּרעציז. די צענדליקער טויזנטער דערמאָרדעטע וועלן זיך שוין נישט שטעלן, נישט פֿאַרן אויספֿאָרשונגס־ריכטער און נישט פֿאַרן געריכט.

האָט איר שוין אָבסערווירט וויאַזוי, אונטער דער ווירקונג פֿון דער צייט, ענדערט זיך דער קאָליר פֿון בלוט? דאָס פֿאַרגאָסענע בלוט שפּריצט פֿון די אָדערן, אַ קאָכעדיקס און פֿייערדיק־רויטס. דערנאָך ווערט עס וואָס מער פֿאַרגליווערט און וואָס בלאַסער. צום סוף, בלייבן נישט מער ווי שווערלעך דערקענבאַרע פֿלעקן. צו אָפּט, בלויז אויפֿן סמך פֿון אַזעלכע שפּורן געבן אַרויס די ריכטער היינט־צו־טאָג זייערע אורטיילן.

**
*

אַ גרויער, פּריוואַטער בנין, אַריינגעשטופּט צווישן אַנדערע באַ־וואוינטע הייזער. דאָס ביוראָ פֿונעם אויספֿאָרשונגס־ריכטער געפֿינט זיך אויפֿן ערשטן שטאָק פֿון אַ הינטער־געביידע. ס'איז פּעדאַנטיש־אויסגע־מאָלט אויף ווייס, עס שמעקט כמעט ווי מיט אַסעפּטישן אַפּטייק־ריח. עס האָט גאָרנישט געמיינזאַמעס מיט די אַלט־מאָדישע קאַבינעטן, וואו עס פֿלעגן אַמאָל אַמטירן די ריכטער און וואו שוין די אַלט־מאָדישקייט אַליין פֿלעגט זיי צוגעבן אַן אָנשטעל פֿון חשיבות און פֿון ערנסטקייט. דורך די צוויי פֿענסטער זעט מען גענוי, ווי די לאָקאַטאָרן באַוועגן זיך אויפֿן הויף. דער דאָזיקער באַנאַל־טאָג־טעגלעכער פּרט שליסט אונדז אַריין, מיט עפּעס אַ קאָמישער זעלבסטפֿאַרשטענדלעכקייט, אין דעם לויפֿנדיקן, אַקטועלן פֿאַרקער.

נאָך יעדן עפּיזאָד, וועלכן איך דערצייל, דיקטירט דער ריכטער מיינע סוקצעסיווע פּעסטשטעלונגען פֿאַר דער שרייב־מאַשין. די סעקרע־טאַרקע איז אַ יונגע און שיינע פֿרוי, אין טיפּ פֿון "קאַריאַטידן". קוקנדיק אויף איר, טראַכט איך נישט־ווילנדיק, וועגן דער יידישער היסטאָרישער קאָמיסיע אין קראָקע, מיט וועלכער איך האָב אָנגעפֿירט. אויך דאָרט

האָט מען רעגיסטרירט די עדות־דערקלערונגען. די אויסצוגן פון יענע טויזנטער פּראָטאָקאָלן האָבן שפּעטער אויסגעפילט עטלעכע צענדליק פּובליקאַציעס: דאָרטן איז דאָס פאַרגאַנגענע בלוט געבליבן פייערדיק־רויט. ס׳האָט זיך נישט אָפּגעקילט — און נישט אויפגעהערט צו באַשולדיקן.

באַמיענדיק זיך געגוי צו דעפינירן די ראָלע פון די פאַרשידענע פאַרברעכער, וועלכע איך האָב געזען ביי זייער "אַרבעט" און וועלכע געפינען זיך איצט אין דער דייטשער תפיסה, גיב איך אָפּ מיין עדות־זאָגן אָן איילעניש, מיט כמעט אַ גלייכגילטיקער שטימע. הגם דער ריכטער דערקלערט זיך יעדעס מאָל שטאַרק צופרידן פון מיין זאַכלעכקייט, פיל איך אַרויס אין אים אַביסל אַנטוישונג. אין ענלעכע אַנגעלעגנהייטן, ביי אַנדערע ווי איך, מערן זיך די אויסגעשרייען פון שוידער. זיי חזרן כסדר איבער, אַז די מענטשלעכע שפּראַך איז נישט אימשטאַנד איבערצוגעבן די גרויזאַמקייט פון זייערע איבערלעבונגען. זייער אויפברויזן קאָמפּליצירט — וואָס אַן אמת — די אויפגאַבע פונעם ריכטער. עס צווינגט אים דערמאָנען זיי די נויטווענדיקייט צו האַלטן זיך שטרענג אין די ראַמען פון פערזענלעך־געזעענע און אַבסאָלוט־זיכערע פאַקטן. דאָס שטערט נישט, אַז זייער דערשיטערונג און אפילו דער מאַנגל פון צוזאַמענגעבונדנקייט אין זייערע דערקלערונגען באַשטעטיקן אָן אויפהער די וואָגיקייט פון זיין אַרבעט און זיין היסטאָרישע שליחות.

נאָך צוויי שעה, וואַרפט דער אויספאָרשונגס־ריכטער אַ דיסקרעטן בליק אויף זיין האַנט־זייגער. עטלעכע מינוט שפּעטער מאַכט ער בגנבה דעם זעלבן זשעסט. איז עס אפשר ביי אים אַ סימן פון מידקייט?

אין דעם זעלבן מאָמענט, עפענען זיך די טירן. באַגלייט דורך אַ תפיסה־וועכטער, גייט אַריין אין צימער אַ הויכער און קוים אַביסל גרוילעך־געוואָרענער מאַן. איך הער אין מיר גופא עפּעס ענלעכעס צום פלוצים אין גאַנג געלאָזטן מעכאַניזם:

— קאָלאָנקאָ! — זאָג איך.

און אַ געדאַנק: דאָס איז אַלזאָ געווען די אמתע סיבה, צוליב וועלכער דער אויספאָרשונגס־ריכטער האָט געוואָרפן אַזאַ דיסקרעטן בליק אויף זיין זייגער; כדי צו שטעלן מיך אומגעריכט, אויג אויף אויג, מיט אָט דעם געשפענסט!

די טראַדיציאָנעלע באַגריפן וועגן די צעשויבערטע געשפענסטער מיט העסלעך־עקלדיקע, גרויזאַמע געזיכטער, ווייזן זיך אַרויס טרויע־ריק פאַרעלטערט. אַנגעטון אין אַ לייטישן אַנצוג און זאָרגהאַפטיק פאַר־פאַרקעמט, דער געשפענסטיקער בשר ודם, וואָס האַלט זיך העפלעך פאַר מיר, זעט אויס אַנשטענדיק ביז פאַרצווייפלונג.

אויסרעכנדיק זיינע אַמאָליקע אויפטוען, זע איך אים — אין מיין זכרון — אין אַ ס.ס.־ישן מונדיר, ווען ער פייניקט און מאָרדעט מיינע מיט־העפטלינגען. קוים הייב איך אָבער אויף מיינע אויגן אין דער ריכ־טונג פון דעם דאָ פאַנטאָם, פיל איך אַ מין שווערקייט, דורכגעזאַפּט מיט עקל בלויז אויפן געדאַנק, אַז עס האַנדלט זיך אין דעם זעלבן פאַרשוין. די לעצטע צוואַנציק יאָר האָבן באַוויזן אויף אַ מאָדנעם אופן צו ענדערן אפילו זיין פיזיאָנאָמיע. מיט צוואַנציק יאָר צוריק איז זיין פּרצוף געווען טריוויאַל, אָן קיין שום אויסדרוק. דאָס זעלבע פּנים באַזיצט איצטער אויסערלעכע סימנים פון פּשטות און רעפלעקסיע. מיט צוואַנציק יאָר צוריק, איז זיין שטימע געווען אַ רויע, אַ ריטשענדיקע. היינט איז זי געוואָרן כמעט האַרמאָניש. זיין אַרט פון רעדן האָט זיך באַפרייט פון יעדן שפּאָר פון גראָבקייט. ווען ער ווענדעט זיך צו דעם אויספאָרשונגס־ריכטער, פאַרגעסט ער קיינמאָל נישט צו ציטירן זיין טיטל פון לאַנדגעריכטסראַט. יעדעס מאָל, ווען ער ווענדעט זיך צו מיר, געפינט ער תמיד אַ מיטל אַריינגליטשן אין יעדער פראַזע דאָס וואָרט דאָקטאָר (ווי ער וואָלט געהאַט דערין לגבי מיר אַ לאַנגע צוגעוואוינטקייט, שוין פון דער צייט פון אונדזערע ערשטע "באַקאַנטשאַפטן").

מיר שמועסן אָן שפּור פון פאַרביסנקייט: העפלעך, ווי עס פּאַסט פאַר גוט־דערצויגענע מענטשן. אָבער נישט אָן אַנטוישן זיך, אויף

אַ טיפן אונטערשיד אין דער "אָפּטיק". דער דאָזיקער אונטערשיד איז אַזוי גרויס, אַז ער דערלויבט אונדז לגמרי נישט זיך צו פאַרשטענדיקן. די זכרונות, וועלכע מיר טוישן אויס, שטימען לחלוטין נישט איינע מיט די אַנדערע, מיינע מיט זיינע.

זיין טעזע?

איין מאָל (דאָס איינציקע!) איז ער טאַקע געווען געצוואונגען צו הרגענען אַ מענטשן: וואָרעם דער קאָמענדאַנט פון לאַגער, ווילהאַוס, האָט אים נישט בלויז געגעבן אַ באַפעל עס צו טון, נאָר ער האָט נאָך פערזענלעך צוגעהיטן דאָס אויספירן פון זיין באַפעל. אַנדערש געזאָגט: ער, קאַלאַנקאַ, איז געווען צוגעדריקט צו דער מויער. אַ חוץ דעם איינציקן פאַל, האָט ער קיינמאָל קיינעם נישט דערהרגעט. אין הסכם מיט זיינע אויפגאַבן, האָט ער זיך יעדן טאָג געשטעלט, האַלב זיבן אַזייגער אין דער פרי, אויף דער גרענעץ פון די אינעוויינעקסטע שטעכלדראָטן, כדי דיריגירן די פאַרשידענע בריגאַדעס צו דער אַרבעט.

איך פאַרזוך אים צו העלפן, ער זאָל זיך אַביסל קלאָרער אָריענטירן אין זיינע אַמאָליקע טעטיקייטן. מיט גרויסער מילדקייט דערמאָן איך אים זיינע מאָרדן, באַגאַנגענע אין מיין אָנוועזנהייט און וועלכע איך האָב געזען מיט מיינע אייגענע אויגן.

— איך ביטע זי, הער דאָקטאָר — זאָגט ער מיר דעמאָלט מיט אַ שטימע, וואָס איז אין דער זעלבער צייט אַ בעטנדיקע, — ערינערן זי זיך גוט: עס זינד שאָן צוואַנציק יאָרע הער!

העפלעכקייט פאַר העפלעכקייט: פונקט ווי איך, וויל ער מיר בלויז צוהעלפן, איך זאָל נישט פאַרפּלאָנטערן יענע אַלטע און פאַרעלטערטע געשיכטעס.

עס פאָלגט נאָך, פון זיין זייט, אַ באַמערקונג פון אַ צדיק, וואָס ווערט נישט דערשאָצט:

— איך, וואָס מען האָט מיך חושד געווען אפילו אין העלפן יידן...

און אַ דערציילונג (דאָס מאָל פּאָרט אַביסל פאַרפּלאָנטערט) וועגן דעם וויאַזוי, נעמענדיק אָנטייל אין עפּעס אַן אַבלאַווע — אָדער פּשוטער אין אַן "אַקציע", האָט ער נישט בלויז דערלויבט אַ שוואַנגערנדער יידי־שער פרוי זיך ראַטעווען, נאָר ער האָט איר נאָך אַפילו פאַרלייכטערט דאָס אַנטלויפן.

איך טראַכט מיר: נישט באַמערקנדיק עס, איז ער זיך מודה, אין האָבן זיך באַטייליקט אין געיעגן אויף מענטשן, אויך אויסער דעם לאַגער.

איך האַלט נישט פאַר נויטיק צו זאָגן עס אויפן קול. נישט מיט אַזעלכע פּרטים זענען מיר נאָך דערוויטערט, איינער פון דעם אַנדערן, אין אונדזערע באַהויפּטונגען. אין דער זעלבער צייט דאַכט זיך מיר פונ־דעסטוועגן, אַז די געשיכטע מיט דער שוואַנגערנדער פרוי האָט באמת פּאַסירט. אויב קאָלאָנקאָ וואָלט גענומען אויסצוטראַכטן זיינע פאַרדינסטן, וואָלט ער דאָך געקענט אויסקאָמבינירן זאַכן, וואָס וואָלטן געווען אַ סך מער "ספּעקטאַקולער", ווי יענער מאָמענט פון אַ געלעגנהייט־שוואַכקייט.

**
*

צומאָרגנס, דער אויספאָרשונגס־ריכטער נעמט־מיט מיט זיך די סע־קרעטאַרקע און מיך, אין זיין אויטאָ. דער וואָגן פאַרלאָזט די שטאָט, פּאָרט איבער די נעבן־שטאָטישע אָרטשאַפטן, האַלט זיך איין צוואַנציק קילאָמעטער הינטער שטוטגאַרט, אין אַ קליין שטעטל, פאַרן טויער פון אַ תּפיסה. אַריינגעלאָזט אין דעם בנין, גייען מיר אַרויף, דורך די שטיגן, מיט אַ וואַכמאַן, אין אַ פיר־עקיקע שטוב. די קליינע פענסטער זענען דאָ פאַרזיכערט מיט קראַטעס. עטלעכע בענקלעך און אַ טיש (געוויינלעך גרויס, כדי צו שטעלן דערויף די שרייב־מאַשין). אין מיטן שטוב שטייט, וואַרטנדיק שוין אויף אונדז, עפּעס אַ מאַן, אָנגעטון אין תּפיסה־קליידער:

— שענבאך! — זאָג איך אָן וואַקלעניש.

די שטומע שליחים פון אויפמערקזאַמקייט קריכן אומזיכטבאַר אַרויס פון אונדז ביידע, ווי זיי וואָלטן זיך קעגנזייטיק געשטרעבט אַרומקוקן און קעגנזייטיק זיך איינקוקן איינער אינעם אַנדערן, דערוואַרטנדיק, וואָס ס'וועט דאָ פאָרקומען.

מיט אַ שטימע, וואָס איז בכיוון האַרט און אָפיציעל, לייענט איבער דער אויספאָרשונגס־ריכטער, לשם הקדמה, די אַריינפיר־דערקלערונג, אָפּגעגעבן דורך שענבאַכן נאָך זיין אַרעסט. אַזוי אַרום, איידער נאָך ער וועט איצט אָנהויבן צו רעדן, ווייס איך שוין פון פאָראויס, וואָס פאַר אַ שטעלונג ער וועט נעמען. עס וועט זיך אויפסניי אָנהייבן די זעלבע פּליטע: אַן אָנזאָג פון אַ געשפּרעך, געשטאָרבן נאָך פאַרן גע־בורט. לויט דער דאָזיקער דערקלערונג פון שענבאַכן, האָט ער געהרגעט איין איינציק מאָל: ווייל דער לאַגער־קאָמענדאַנט ווילהאָוס... (דאָס רעשט קענט איר שוין).

זיין קיילעכדיק, גראָב־באַקיק געזיכט, וואָס האָט אַמאָל געשפּראָצט מיט פיזישן געזונט, איז איצט אַביסל בלאָסער. זיינע אויגן זענען מאַט געוואָרן. אַ פּליך, וואָס אין יענער צייט האָט ער אים נאָך נישט געהאַט.

דאָס אויסראָטן פון יידן? ס'איז אמת, אַז שוין דעמאָלט האָט ער וועגן דעם געהערט, אָבער בלויז און אויסשליסלעך על פּי אומדירעקטע קלאַנגען. ווען איך דערמאָן אים זיינע טאָג־טעגלעכע מערדערייען, הערט ער זיך צו אָן איבעררייסן מיר אַ קאָנצענטרירטער, שווייגנדיקער. דער־נאָך:

— הער דאָקטאָר! — זאָגט ער מיר, מיט אַ טאָן פון פּערסוואַזיע — איך וויל אייך גאָרנישט סוגערירן: זייט אָבער אַזוי העפלעך נישט צו פאַרגעסן, אַז זינט יענער צייט זענען שוין צוואַנציק יאָר פאַרביי. איך בעט אייך דעריבער, הער דאָקטאָר, איר זאָלט עס זיך גוט דער־מאַנען: מיין איינציקע פונקציע איז באַשטאַנען אין קאָמאַנדירן די אוק־

ראַינער אסקארן און די יידישע מיליציאַנטן. און אַזוי ווי די אוקראַ־אינישע אסקארן און די יידישע מיליציאַנטן זענען געווען סטאַציאָנירט אין דעם אויסטערלעכן קרייז פון לאַגער, האָב איך גאָרנישט געהאַט צו טון אין דעם צענטראַלן קרייז.

איך זיין שטימע באַזיצט די אינטאָנאַציע פון אַן אומשולדיקן קרבן. איך ער, טראָץ דער נידערגעשלאָגנקייט, וועלכע ער מאַניפעסטירט, פאַרפלאָנטערט זיך נישט און פאַרלירט זיך נישט אפילו אויף אַ רגע.

צווישן אַ סך אַנדערע עפּיזאָדן, ציטיר איך אים אַ סצענע, וועלכע איך האָב געהאַט באַשריבן שוין מיט אַכצן יאָר צוריק אין מיין בוך א. נ. "אוניווערסיטעט פון תלינים": איינעם אַ טאָג, שענבאַך און קאָלאָנקאָ האָבן געפייניקט אַ יונגן פּאָלאַק. זיי האָבן אים געשטעלט אין אַ דיסטאַנס פון עטלעכע מעטער און געשלאָגן אין קאָפּ מיט אַ לאַנגן ברעט. ווען דער בחור איז געפאַלן, האָבן זיי אים בלינדערהייט געקאָפּעט. נאָך שפּעטער האָבן זיי באַפוילן די אסקארן, זיי זאָלן אים שלאָגן מיט נאַגאַיקעס. אין אַ געוויסן מאָמענט, האָט דער געפייניקטער אויסגעשריגן:

— יעזוס! ס'איז שוין גענוג!

— גענוג, ה...זון? — האָט אים שענבאַך דערויף געענטפערט. — איך האָב זיך נאָך אפילו נישט דערוואַרעמט.

איצטער, האָבנדיק אויסגעהערט מיינע ווערטער, שאָקלט ער מיטן קאָפּ: — ניין, ער האָט קיינמאָל קיינעם נישט געפייניקט.

און ער קערט זיך צוריק צו זיין ווערסיע. איך דאַקעגן, איך האָב קיין שום חשק נישט צו מערן די ביישפילן פון זיינע אויפטוען און נישט צו שטעלן אים אונטערכאַפּנדע פראַגן: דאָ וויל איך זיין נאָר אַן עדות. פונדעסטוועגן... ווען ער פאַררופט זיך שוין דאָס דריטע און פערטע מאָל אויף דער כלומרשט־איינציקער פונקציע זיינע, ד. ה. אויף די אוקראַאינישע אסקארן און אויף די יידישע מיליציאַנטן, מיט

דער כוונה זיך דעפיניטיוו אויסשליסן פון דעם אַפּעל־פּלאַץ (וואו עס זענען געווײנלעך פּאָרגעקומען די עקזעקוציעס, דאָס אויפהענגען און דאָס דערשיסן), גיב איך אים פּאָרט אַ פרעג:

— און וואָס איז געשען מיט יענע יידישע מיליציאַנטן, מיט וועלכע איר האָט קאָמאַנדירט?

שענבאַך שווייגט: אַ סימן, אַז ער האָט זאָפאָרט אויסגעפילט די סכנה פאַרשטעקט אין דער דאָזיקער פראַגע, אויף וועלכער ער האָט זיך — זעט אויס — נישט געריכט. דאָקעגן דער אויספאָרשונגס־ריכטער (וועלכער שיינט זיך וואונדערן, פאַרוואָס שפּאַר איך זיך אַזוי איין אויף אַזאַ מין "אַדמיניסטראַטיוון" פּרט שווייגט אין אויסוואַרטן.

— איך וועל עס אייך אַלזאָ דערמאָנען — זאָג איך צו שענבאַכן.
— אין חודש מאַי 1943 זענען יענע אַלע יידישע מיליציאַנטן געוואָרן דערמאָרדעט, צוזאַמען מיט הונדערטער און הונדערטער אַנדערע העפּט־לינגען, מענער און פרויען.

שענבאַכס שווייגן ווערט דאָס מאָל אַ שווערס: אָט, האָט ער זיך פּלוצים געפונען אין סאַמע מיטן פון אַ שחיטה און דווקא אין יענער אַנדערער טייל פון לאַגער, וואָס האָט אים געדאַרפט דינען אַלס אַליבי. אויסמיידנדיק כסדר צו ענטפערן, כאַפּט ער אָרום — מיטביידע הענט — זיין קאָפּ, און ער קרעכצט, אַ דערשלאָגענער:

— איך, דער איך זאָ פילען מענטשען געהאָלפען האַבע!

אָנבינדנדיק צו זיין קרעכצן, לייענט אים דער אויספאָרשונגס־ריכ־טער איבער יענע אויסצוגן פון מיין עדות־זאָגן, וואו איך האָב פאַקטיש דערמאַנט זיינע געוויסע גוטע רעפלעקסן. די לעצטע קענען אים איצטער דינען אַלס מילדערנדע אומשטענדן. טראָצדעם וואָס אין זיין בליק באַווייזט זיך אַ פלעמל פון ווידעראויפלעבן, האַלט ער זיך אין שווייגן. אַזוי ווייט, אַז אפילו דער אויספאָרשונגס־ריכטער איז דערשטוינט מיט

זיין איינגעהאַלטנקייט און דיסקרעציע: וואָס איז די סיבה, אַז דער באַשולדיקטער וואַרפט זיך נישט אין דער ריכטונג פון אַזאַ רעטונגס־ברעט?

בלויז מיר צוויי, שענבאַך און איך, פאַרשטייען זיך. מיר צוויי זענען דאָ די איינציקע, וואָס — אין אונדזערע זכרונות — זענען מיר געבויגן איבער די זעלבע בילדער; מיר זענען דאָ די איינציקע, וואָס זעען פון איין זייט די אמתע פאַרבינדונגען צווישן פאַקטן, און — פון דער צווייטער זייט — די סיבות פון זיין "רעזערוו". בכדי רעקלאַמירן די גוטע מעשים, וועלכע ער האָט באמת רעאַליזירט (אָבער בלויז אויפן ראַנד פון די באַגאַנגענע פאַרברעכנס), וואָלט ער פריער געמוזט זיך מודה זיין אין האָבן באַגאַנגען די מערדערייען. אין דער טאָפּאָגראַפיע, וועלכע ער פרובירט סוגערירן, בלייבט נישט קיין שום פּלאַץ אויף סי־טואירן זיינע גוטע טאַטן. דאָס, אַז זיין "טאָפּאָגראַפיע" איז סיי ווי סיי נישט אָנהאַלטבאַר? פאַרפאַלן: אונטער סכנה פון קענען צעשטערן זיין גאַנצע "טאָפּאָגראַפיע" מיט איין איינציקן וואָרט, דערלויבט זי אים נישט אָנצורופן זיינע פּאָזיטיווע רעפלעקסן, אויף וועלכע ער הערט נישט אויף זיך צו פאַררופן, אָבער בלויז אין זיין עקשנותדיקן קרעכצן.

**
*

איך וועל איינשפּאָרן דעם לייענער דאָס געגנויערע באַשרייבן פון די אַנדערע אַרעסטאַנטן פון דער זעלבער גרופּע. דרך אגב, לשם אַ פּשוטן ביישטייער צו דער טעמע: "דאָס באַגעגענען זיך פון מחבר מיט די פּערסאָנאַזשן פון זיינע ביכער", גיב איך בלויז צו, אַז עס גע־פינען זיך צווישן זיי אַ ריי פאַרברעכער, וואָס זייערע אויפטוען האָב איך באַשריבן הן אין מיין "אוניווערסיטעט פון תלינים" און "ליטעראַ־טור אין לאַגער" (אַרויסגעגעבן אין 1946, אין דער פּוילישער שפּראַך) און הן אין מיין דאָקטאַר־טעזע א. נ. "כתבים פון די צום טויט־פאַר־משפּטע" (דערשינען, אין 1954, אויף פראַנצויזיש, אין דעם פאַרלאַג "פּרעס אונטיווערסיטער" פון דער "סאָרבאָנע", אין פּאַריז):

— ראָקיטאַ, פאַר דער מלחמה אַ מוזיקער, און דעמאָלט דער וויצע־קאָמענדאַנט פון יאַנעווער לאַגער. דער, וועלכער האָט געפלעגט צע־טיילן ברויט פאַר די לאַגערניקעס און — ביי דער זעלבער געלעגנ־הייט — דערשיסן יעדעס מאָל עטלעכע צווישן זיי. דער, וואָס האָט באַפוילן קאָמפּאָנירן דעם "טאַנגאָ פון טויט" און געהייסן דאָס צושפּילן, דורך דעם לאַגער־אָרקעסטער, בעת יעדער סוקצעסיווער שחיטה. איצ־טער איז ער אַן עלטערער און דיק געוואָרענער מאַן, מיט אַן אויסזען פון אַ גוט־האַרציקן אַרטיסט, מיט גרויל׳עכע באַקנבערד.

אַן אַנדערער מוזיקער, מיטן נאָמען פּעטער בלום. אין איינעם פון מיינע ביכער האָב איך אים געווידמעט אַ גאַנצן קאַפּיטל, באַשרייבנדיק מיינע קאָנספּיראַטיווע "אויספלוגן" פון לאַגער אין דער שטאָט, כדי זיך צו פאַרשטענדיקן מיט פאַרבינדלער פון דער געהיימער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (פּ. פּ. ס.). ער טאַקע, דער דעמאָלטדיקער ס. ס.־מאַן פּעטער בלום, איז געווען דער קאָנוואָיענט פון אַ לאַסט־וואָגן, וואו איך האָב זיך געפונען אין דער ראָלע פון אַ טרעגער. אין דעם דאָזיקן וואָגן, האָט ער, דער אַרטיסט בלום, אויפגעקלערט פאַר מיר, דעם עם־ארצישן טרעגער, וואָס אַזוינס איז דאָס קונסט.

עס געפינט זיך אין דער תפיסה (אָבער נישט אין שטוטגאַרט־דיסטריקט, נאָר אין סאַאַרבריקן) אויך דער גרינדער און דער ערשטער הערשער פונעם יאַנעווער לאַגער אין לעמבערג: פריץ געבאַוער, דער ספּעציאַליסט פון דערווערגן און פון באַגראָבן לעבעדיקערהייט. אויך ער דערקלערט זיך אַלס אומשולדיקער. מיט דעם אונטערשיד, אַז — כדי צו באַרעכטיקן די דורך אים באַגאַנגענע מאָרדן — פאַררופט ער זיך אויף דעם פּאָלגנדן פאַרגלייך: בעת ער האָט דערמאָרדעט בלויז הונדערטער מענטשן, האָט זיין נאָכפאָלגער ווילהאַוס דערמאָרדעט אַ סך טויזנטער. דאָס — זאָגט ער — אַז אין די ראַמען פון די באַקומענע באַפעלן האָט ער, פריץ געבאַוער, נישט אויסגעפילט אפילו דעם מי־נימום פון דער נאָרמע. כדי צו פאַקרלענערן די צאָל פון קרבנות, האָט ער זיך געמוזט כסדר און שרעקלעך באַמיען. אָפּגערעדט פון די

סכנות און געפאַרן, אויף וועלכע ער האָט זיך אויסגעשטעלט צוליב זיין הומאַניטאַרער איינשטעלונג און צוליב זיין מאַנגל פון פאַנאַטיזם. מיט איין וואָרט: איך פרעג ביי מיר אַליין, צי ער פרעטענדירט נישט צום טיטל פון אַן אַנטי־היטלעריסטישן ווידערשטענדלער.

קיינעם פון זיי דראָט נישט קיין טויט־שטראָף, ווייל היינט־צו־טאָג עקזיסטירט נישט אַזאַ שטראָף אין דייטשלאַנד. גוט געענערט, קענען זיי אָן קיין שום שווערקייט "זיך גוט האַלטן" ביי דער אויספאָרשונג און זיך "נישט צוזאַמענברעכן". ס׳איז גענוג, זיי זאָלן לייכט און אָן קיין שום ריזיקע, איבערחזרן זייער ווערסיע, מיטן צוועק צו רעדוצירן די צייט פון פאַרבלייבן אין דער תפיסה.

די דערמאָנטע ווערסיע איז געגוי באַאַרבעט געוואָרן אין משך פון לאַנגע יאָרן, וועלכע זיי האָבן פאַרבראַכט אויף דער פריי. ס׳איז אויך נישט קיין סוד, אַז אַ נעץ פון היטלעריסטישע וועטעראַנען גיט זיי צוועקמעסיקע און פאַכמעניש־דורכגעטראַכטע עצות אין דער זעלבער ריכטונג.

צוליב די אַלע סיבות, טרעפן זיך אָן אויף גרויסע שטערונגען די באַמיאונגען פון יענע דייטשן, וועלכע זענען גרופּירט אַרום דעם צענט־ראַלן ביוראָ פאַר אויסזוכן די קריגס־פאַרברעכער, טראָצדעם מאַכן זיי אַ גוטע אַרבעט. און דאָס אומאָפּהענגיק פון די טרויעריקע רעפלעק־סיעס, וואָס אינספּירירן צו אָפט די שפעטערדיקע אורטיילן.

אַלע אַזעלכע אויספאָרשונגען און יעדער אַזעלכער פראָצעס פאַר־טיפן און באַפעסטיקן דאָס דעמיסטיפיצירן פון די תלינים; זיי ווייזן זיי אין זייער אמתן ליכט.

וואָס שייך מיך, בין איך זיך מודה, אַז נאָך תמיד פאַלג איך נאָך מיטליידנשאַפט, זייער פחדנות: דאָס, אַז קיינעם פון זיי איז נאָך נישט איינגעפאַלן אין געדאַנק צו פאַררופן זיך אויף זייערע "אידעען". פון דעם שטאַנדפונקט געזעמען, זייערע פאַרלייקענונגען און זייערע

שקרים בילדן וויכטיקע דאָקומענטן. די איינשטעלונג, וועלכע זיי דריקן אויס, געבן זייער מאָס.

מחבר פון אַ דיסערטאַציע וועגן די כתבים, איבערגעלאָזט דורך זייערע קרבנות, זע איך די נויטיקייט אָנצושרייבן אַן אַנדערע סטודיע: איבער די כתבים פון די מערדער.

אָפּרופן וועגן דער „מיניאַטור־ביבליאָטעק"

יצחק יאַנאַסאָוויטש — די „פּרעסע" — בוענאָס איירעס.

"...צוויי פּראַגן וויל באַרווין פּרענקעל פאַרענטפערן מיט יעדן פּאָר־טרעט: ער וויל אונדז פאַרענטפערן וואָס איז דאָס ספּעציפיש־מאָלע־רישע פון יעדן פּאָרטרעטירטן קינסטלער און וואָס איז דאָס ספּעציפיש־יידישע אין דער מאָלעריי פון די קינסטלער. דער מחבר האָט אויסגע־מיטן דעם מאָנאָלאָג סיי פון שרייבער און סיי פון זיין העלד; אָנשטאָט דעם האָט ער זיך אויף אַ געלונגענעם אופן באַנוצט מיט דיאַלאָג צווישן מאָנאָגראַפיסט און מאָנאָגראַפירטן. דער דיאַלאָג באַשטייט אָבער בשום אופן נישט פון סטעראָטיפּישע שאלות ותשובות. ער איז אַ טייל פון אַ קליינער דראַמע וואָס וויקלט זיך אויף פאַר אונדזערע אויגן און פאַר אונדזער געמיט.

...געשריבן זענען די אינטערוויו־פּאָרטרעטן אַזוי, אַז מען פילט די קולטור פון פּאַריז און דעם גייסט־אָטעם פון פּאַריז.

...דעם פאַרלאַג קומט אַ יישר כוח און הלוואי ער זאָל ווייטער קענען ממשיך־זיין זיין טעטיקייט".

אברהם ווייץ — „אַרבעטער וואָרט" — פּאַריז.

"די זאַמלונג "מיט יידישע קינסטלער" איז צום גליק אַריינגעקומען אין די הענט פון אַ שרייבער און פּלאַסטיקער, וואָס קאָן זיינע מאָדעלן נישט ווייניקער ווי זיך גופא.

...באַרווין פּרענקעל דערשיינט אָבער נישט אין זיין זאַמלונג "מיט

יידישע קינסטלער״ ווי אַ קריטיקער, נאָר אַן עסטעטיקער. ער האָט צו שטאַרק ליב זיינע קאָלעגן, וואָס האָבן פאַר אים קינסטלעריש פּאָזירט, אַז ער זאָל ביי זיי זוכן, מעשה קריטיקער, פעלערן און בלויזן. ער איז דעריבער אין דעם דאָזיקן זאַמלבוך דער עסטעטיקער, וואָס קומט גע־ניסן פון מאָלערישער שיינקייט און טיילוויז — אַפילו נאָר שמועסן וועגן קאָלירפולער, האַרמאָנישער שיינקייט.

...דער לעבעדיקער דיאַלאָג פאַר וועלכן באַרווין פרענקעל האָט געפונען דאָס אדעקוואַטע וואָרט, צייכנט פאַר אונדז אין בולטע שטריכן דעם פסיכישן צושטאַנד פון די דרייצן מאָלער־געשטאַלטן״.

משה דלוזשנאָווסקי — „נייע יידישע צייטונג״ — מינכן.

״...דאָס דאָזיקע בוך מיניאַטור־מאָנאָגראַפיעס און שמועסן מיט אַ צאָל יידישע קינסטלער אין פּאַריז, וואָס אַ טייל פון זיי איז באַקאַנט יעדן קונסט־זאַמלער, יעדן וואָס אינטערעסירט זיך מיט מאָלעריי און אַ טייל איז וועלט־באַרימט, איז כמעט דאָס איינציקע, וואָס איז געשאַפן אויף יידיש ביז היינט צו טאָג און איז אַן אויסגעצייכנטער ביישטייער צו דער אַלגעמיינער צאָל מאָנאָגראַפיעס וואָס זיינען דאָ און דאָרטן, אין פאַרשידענע צייטן געשריבן געוואָרן וועגן יידן מייסטער וואָס האָבן געגעבן דער וועלט ווערק פון גרויסן קינסטלערישן באַדייט און פאַרנעם.

...דער מאָלער, דער קריטיקער, דער שילדערער און דער לייענער האָבן הנאה. עס ווערט זיי אויסדערציילט אין שטילע פיבערדיקע, התלבותדיקע און פלאַמיקע שורות דאָס מעשהלע פון דעם מייסטער און זיין ווערק.

דער אופן פון איבערגעבן דעם שמועס, דאָס אויסזען פון דעם קינסטלערס סטודיאָ, די שטימונג פון די בילדער, די קאָלירן, דער סיוזשעט, און דער עיקר דעם קונסט־פּרצוף איז זייער אָריגינעל, טרעפ־לעך געשילדערט״.

י. מאניטש — „אונדזער שטימע״ — פּאַריז.

״...באַרווין פרענקעל, מיט זיין דירעקטן צוגאַנג צום מאָלער און זיין ווערק, איז וואויל געלונגען איבערצוגעבן דעם תמצית פון קונסט און זיין שעפער — פּאָפּולער און פאַרשטענדלעך פאַר אַלעמען.

אים איז געלונגען מיט דער הילף פון זיינע ״שמועסן״ אַרויסצוברענגען דעם אייגנטלעכן, גייסטיק־שעפערישן פאַרשטעל פון יעדן קינסטלער באַזונדער.

איבערצוגעבן אויפריכטיק דעם מהות פון אַ קינסטלער, אַרויסברענגען זיין אינערלעכע וועלט פון שטרעבן און דערגרייכן, חלום און אויפטו — איז אַ זעלטנקייט אויך אין דער נישט־יידישער וועלט״.

מ. סדן־קאָוואַדלע — יידישע ראַדיאָ־אוידיציע — פּאַריז.

״...די ״שמועסן און באַמערקונגען״ וואָס באַרווין פרענקעל האָט געפירט, עפענען פאַר אונדז, אויב נישט די גאַנצע טיר, — צו דער וועלט פון יידישע קינסטלער — איז כאָטש אַ שפּאַלט פון דער טיר, צו דער פּרעכטיקער און פאַרשידנאַרטיקער גרופּע יידישע מאָלער און סקולפּטאָרן פון פּאַריז. מיר דערזעען זייערע פּנימער, זייער געמיט, דערכאַפּן דאָ און דאָרט אַ געדאַנק, אַ רעפלעקס איבער דער וועלט פון קונסט, איבער יידישע פּראָבלעמען אין דער קונסט און איבער זיך אַליין.

...באַרווין פרענקעל גיט איבער זיינע שמועסן מיט גרויסער צוגענייגטקייט צו די יידישע מאָלער. זיין ליבע און פאַכקענטעניש, פאַראַטן דעם מאָלער אין אים״.

יוסף אקרוטני — „די יידישע צייטונג״ — בוענאָס איירעס.

״...דאָס פאַריזער ה. לייוויק־זאַמלבוך איז אַ געזאַנג און אַ געקלאָג נאָך דעם באַליבטן און געזאַלבטן דיכטער און פירנדיקן גייסט פונעם דור. ...ס׳איז ווירדיק פאַרן ציבור אין פּאַריז, וואָס ער האָט זיך פאַר־

[illegible]
דיכטער. עס איז די השתפכות־הנפש פון אַ קרייז חסידים פון דער ייִדישער ליטעראַטור פאַר איר געזאַלבטן פירער.

...עס איז דער באַשיינפערלעכער פאַרדינסט פון דעם דיכטער מ. וואַלדמאַן, וואָס עס איז צושטאַנד געקומען די אויסגאַבע... דאָס זאַמל־בוך, ווי אַן אויסדרוק פון יראת הכבוד פאַר לייוויקן דעם לעבעדיק־געבליבענעם פּאָעט, איז פול מיט לייוויקס גרויסער וועלט״.

ב. פּ. — „אונדזער שטימע״ — פּאַריז.

״דאָס זאַמלבוך איז קודם כל אַן אויסדרוק פון פּיעטעט און ליב־שאַפט.

...אַ דאַנק דעם זאַמלבוך קומען צום אויסדרוק, און דאָס פיל מער דורכדרינגענדיקער, די געפילן און מחשבות וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער לייוויק־פּערזענלעכקייט. עס שפּיגלט זיך אָפּ די ליבע און טיפע דאַנקבאַרקייט צום גרויסן שעפער און וואָרטזאָגער פון אַ פאָלק״.

י. מ. — „פאָלקסבלאַט״ — תל־אביב.

״אַ האַרציקן און הויך־קלינגענדיקן יישר־כוח ווילט זיך זאָגן די פּאַריזער ייִדישע שרייבער און דער דאַרטיקער אָפּטיילונג פון ייִדישן קולטור־קאָנגרעס פאַר זייער ווירדיקן באַערן דעם אָנדענק פון ה. לייוויק.

...די פּאַריזער אויסגאַבע איז אַ ווירדיקער צושטייער צו די לייוויק־יאָרצייט־פּובליקאַציעס״.

אידעם — „אונדזער שטימע״ — פּאַריז.

״...כמעט אין אַלעם (וואָס איז געדרוקט אינעם לייוויק־זאַמלבוך) איז פאַראַן אַ פּרוּוו צו דערגיין צום קערן פון לייוויקס פּערזענלעכקייט. און דאָס איז נישט קיין לייכטע אויפגאַבע, ווייל לייוויק איז דער אַמ־מייסטן באַשריבענער און אַרומגעשריבענער ייִדישער שרייבער.

...דער איצטיקער פּראָווו פון דער רעדאַקציע פון דער מיניטאַור־ביבליאָטעק איז אַ ווייטערדיקער באַוויז ווי קאָמפּליצירט עס זענען די וועגן און די אומוועגן פון לייוויקס פּאָעזיע. כמעט יעדער פון די באַטייליקטע אינעם זאַמלבוך האָט אין דער פּאָעזיע פון גרויסן יידישן מייסטער געפונען אַ פּאָר נייע אָדער פּריש־אַנטפּלעקטע און אויפסניי־פאָרמולירטע אמתן.

דאָס לייוויק־זאַמלבוך, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין פּאַריז, איז דעריבער נישט נאָך אַ בוך וועגן לייוויקן, נאָר אַ נוצלעכער בייטראָג צו דעם וואָס מען וואָלט געקאָנט אָנרופן "לייוויקאָלאָגיע".

בן־צבי — „אונדזער אייגן ווינקל" — ניו־יאָרק.

וועגן באַרווין פּרענקעלס "מיט יידישע קינסטלער".

"...פּרענקלען איז דער ענין מאָלעריי נאָענט. זיינע שמועסן מיט קינסטלער לייענען זיך געשמאַק. מיר זענען אים דאַנקבאַר פאַר אַלץ וואָס ער גיט אונדז איבער וועגן יעדן מאָלער און סקולפּטאָר."

וועגן "ה. לייוויק־זאַמלבוך".

"...די זאַמלונג (איז) אַרויסגעגעבן ציכטיק און אָפּגעהיט מיט גרויס יראת הכבוד צום פאַרשטאָרבענעם גרויסן דיכטער.

די גאַנצע זאַמלונג שטראַלט מיט ליבע און פאַרגעטערונג און אַלע אָפּהאַנדלונגען מאַכן דעם איינדרוק פון אַ פּרעכטיקן בוקעט בלומען."

מיניאַטור־ביבליאָטעק

דערשינען

1 — אברהם ווייץ — "דער קאַרשנבוים" — נאָוועלן.
2 — מנוחה ראַם — "ווייטער פון טראַקט" — דערציילונג.
3 — ל. דאָמאַנקעוויטש — "צעשאָטענע קערנער" — עסייען.
4 — פּערל האַלטער — "יונגע טעג" — לידער.
5 — באָרוין פרענקעל — "מיט יידישע קינסטלער" — פּאָרטרעטן.
6 — ה. לייוויק־זאַמלבוך — צוזאַמענגעשטעלט פון מ. וואַלדמאַן.
7 — מיכאל באָרוויטש — "צוואַנציק יאָר שפּעטער" — דערציילונג.

בקרוב דערשיינט

א. גאָלדבלאַט — לידער.
מ. וואַלדמאַן — "פאַרצייכענונגען" — וועגן יידישע שרייבער.

*

אויסגאַבעס פון קולטור־קאָנגרעס אין פראַנקרייך:

1 — קינדער־אַרבעטן וועגן שלום־עליכמען — זאַמלהעפט.
2 — הונדערט יאָר דובנאָוו — ביאָגראַפיע און עסיי — זאַמלהעפט.
3 — מאָריס ראָזענפעלד — זאַמלהעפט.
4 — פּאָרטרעטן: ש. דובנאָוו, ה. לייוויק, מענדעלע מוכר ספרים.
5 — פּאָסט־קאַרטלעך: ....

א — י. ל. פּרץ, ד"ר חיים זשיטלאָווסקי, שלום אש, אברהם רייזען, ה. ד. נאָמבערג.

ב — מענדעלע מוכר ספרים, בן־עמי, שלום עליכם, ח. נ. ביאַליק.

ג — ש. דובנאָוו, ה. לייוויק, מאָריס ראָזענפעלד, מענדעלע, יוסף אָפּאַטאָשו.